סעקרעטאַר: ה. באָרנשטיין

צו דעם 70־יאָריקן יובל
פון דער

# „קדימה"

ווינטשן איר דערפאָלג

פאַמיליע: **פּיעקאַרסקי**

---

# ברכות שפע

למרכז היהודי התרבותי הלאומי

# „קדימה"

לרגל שנת הולדת השבעים

מאחלים:

**בן־ציון וחמדה פטקין**

---

צו דעם 70־יאָריקן יובל
ווינטשן מיר דער

# „קדימה"

דערפאָלג אין איר ווייטערדיקער טעטיקייט

פאַמיליע: **סאַשאַ מאַשקאָוויטש**
קאולפילד

---

מר. און מרס. א. פּעקעלמאַן
באַגריסן די „קדימה"
צו איר 70־יאָריקן יובל
און ווינטשן איר ווייטערדיקע דערפאָלגרייכע
יידישע קולטור־טעטיקייט

WE EXTEND GREETINGS TO THE
"KADIMAH" ON THE OCCASION
OF ITS 70TH ANNIVERSARY

**MR. and MRS. A. PEKELMAN**
29 NARONG RD. CAULFIELD

---

דער פרעזידענט און עקזעקוטיוו
פון ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע
באַגריסן די „קדימה"
צו איר 70־טן יובל

THE PRESIDENT AND EXECUTIVE
OF THE STATE ZIONIST
ORGANIZATION IN VICTORIA
EXTEND GREETINGS ON THE
OCCASION OF "KADIMAH'S"
70TH ANNIVERSARY

---

מיר באַגריסן האַרציק די

# „קדימה"

צו איר 70טן יובל־יאָר
און ווינטשן איר דערפאָלג
אין דער ווייטערדיקער אַרבעט

**ווילנער לאַנדסמאַנשאַפט**
אין מעלבורן

---

WITH COMPLIMENTS

*Rodney Ties*

*JOHN WEBSTER TROUSERS*
*SHIRTS. KNITWEAR*

**18 HIGH ST., NORTHCOTE**

**PH. 489 9155**

**"JEWISH WELFARE"**
**Do not leave it to others.**
**Contribute yourself**

## JEWISH WELFARE WORK MUST CONTINUE

AUSTRALIAN JEWISH & WELFARE RELIEF SOCIETY CONGRATULATES THE "KADIMAH" ON REACHING ITS 70TH YEAR OF ACHIEVEMENT, AND GRATEFULLY ACKNOWLEDGES DECADES OF SHARING AND COMPLEMENTING EACH OTHER'S COMMITMENT TO OUR PEOPLE.

**Australian Jewish Welfare and Relief Society**
**466 Punt Road, South Yarra. 3141. Tel: 26-3727**

די מיטגלידער פון
דוד הערמאַן טעאַטער
באַגריסן די
„קדימה"
**צו איר גרויסן יום־טוב**

און ווינטשן איר אַ סך שעפערישע
יאָרן לטובת אונדזער יידישער קולטור
און אונדזער יידיש לשון

דער „הזמיר"־כאָר
באַגריסט די
„קדימה"
**צו איר 70־יאריקן יובל**
און ווינטשט איר פיל דערפאָלג אין איר
ווייטערדיקער פרוכטבארער טעטיקייט.
אין אַלע צווייגן פון דער יידישער קולטור

THE "HASHOMIR" CHOIR
CONGRATULATES THE
JEWISH CULTURAL CENTRE
"KADIMAH", ON ITS 70TH JUBILEE
AND WISH HER SUCCESS IN HER
FUTURE ACTIVITIES FOR THE
BENEFIT OF THE JEWISH CULTURE
AND HERITAGE.

דערפאָלג און ווייטערדיקע טעטיקייט
פאַרן ווייל פון דער יידישער קולטור

הרסה און שמעון ראָזענבוים

**Haross Press**

COMMERCIAL & COLOUR PRINTERS

אייגנטימער: הדסה און שמעון ראָזענבוים

**232-234 High Street, Northcote**
**Victoria. 3070**
**Telephones: 48-5915**
**A.H. 523-5197**



BEST WISHES TO THE
"KADIMAH"
ON THE 70TH JUBILEE

**Celina Children's Styles Pty. Ltd.**

**215 Albion Street, Brunswick.**
**Phone: 386-9676**

די בעסטן ווּנטשן דער „קדימה"
צו דעם 70 יאָריקן יובל

פאמיליע און ב. ברייטבערג



דער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע
„קדימה" צו איר 70־יאָריקן יובל

די בעסטע ווּנטשן פאַר איר טעטיקייט
אויף דעם געביט פון יידישקייט און
יידישע קולטור אין דער קעגנוואַרט
און אין דער צוקונפט.

מר. און מרס. ג. שטייניץ

CONGRATULATIONS TO THE JEWISH CULTURAL ORGANIZATION "KADIMAH" ON THE OCCASION OF THEIR 70TH JUBILEE. BEST WISHES FOR THE FUTURE ACTIVITIES FOR MANY YEARS AHEAD.

**MR. and MRS. G. STEINIC**
**19 Rawhen Drive, Kew.**



**MR. and MRS. B. SHULKES**
**423 Glenferrie Rd. Malvern**
**Telephone: 20-8076**

to

**"KADIMAH"**

THE FAITHFUL CUSTODIAN OF
JEWISH CULTURE —
BEST WISHES ON THE
70TH JUBILEE

מר. און מרס. ב. שולקעס

באַגריסן די יידישע נאַציאָנאַלע
קולטור ־ אָרגאַניזאַציע „קדימה",
דעם טרייען שומר פון יידישע יידישקייט
צום 70־יאָריקן יובל

אונדזערע בעסטע ווּנטשן
דער
„קדימה"
צו איר
70־יאריקן יובל
— דערפאָלג אין ווייטערדיקער
טעטיקייט

**איצל און פערל אַפּעל**

---

די בעסטע ווּנטשן
דער
„קדימה"
**צו איר 70־יאריקער**
שעפערישער טעטיקייט.

**מענדל און עריקאַ**
**בליצבלאַו**

---

מיר דריקן אוים אַנערקענונג דער
„קדימה"
**צו איר 70־יאריקן יובל**

**פאַר דער אומדערמיטלעכער אַרבעט אויפצוהאַלטן די רייכע ווערטן פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, ווי אויך פאַר דעם בייסטייער צו דעם קולטור־לעבן אין סידנעי.**

**די פאַמיליעס :**

| | |
|---|---|
| מ. בירענפעלד | ה. גאָלד |
| ע. גאָלדענבערג | כ. דייוויס |
| י. טורעק | ס. מאַנע |
| כ. מאַרקעוויטש | י. פּאַקולאַ |
| ס. פייסעכאָוויטש | ה. ראָלאַנד |

סידנעי

---

מיר באַגריסן האַרציק
די גרויסע קולטור־אינסטיטוציע
„קדימה"
**צו איר 70־יאָריקער עקזיסטענץ.**

מיר האָפן אַז די יינגערע דורות וועלן מיטן זעלבן גלויבן און עקשנות ממשיך זיין די הייליקע אַרבעט פון אָפּהיטן דעם קיום און המשך פון אונדזער שפּראַך און קולטור

**רבקה און נאַטאַן**
**גריפנבערג**




**„קדימה“־קאָמיטעט 1981**

**עס זיצן פון לינקס:** רוזשקע בוטלינסקאַ, רחל לעוויטאַ, יהודית וואַרשאַווסקי, י. אָרבאַך, הדסה ראָזענבוים און ליובאַ גאָטליב.

עס שטייען פון לינקס: פּ. קרישטאַל, מ. אייזענבוד, ח. שטייער, מ. ראַבינאָוויטש, מ. זילבערמאַן, ח. בראָון, פּ. רינגעלבלום, י. ווינקלער, א. דאַפנער, טאַמאַרע ראָזענבלום און מ. טאָפּיאָל

עס פעלן אויפן בילד די קאָמיטעט־מיטגלידער: ב. ווינער, י. שער . יאַבלאָנסקי, ראָזענבלום און ראָזע בלושטיין.

פאָטאָ: בעני שטיפל

# באַגריסונג פון ישראל בערקאָוויטש

בוקארעשט, דעם 20סטן יוני 1981.

**צו דעם יידישן קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה" — מעלבורן.**

זייער חשובע און ליבע חברים, אָנפירער פון „קדימה",

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר געדענקען מיך און מיך פאַרבעטן צו די פייערונגען לכבוד 70 יאָר זינט דער גרינדונג פון דער רומרייכער יידישער קולטור־אינסטיטוציע „קדימה".

לייענענדיק אייער אייַנלאַדונג און צוקומענדיק צו די ווערטער „אויב מעגלעך זיך באַטייליקן פערזענלעך", האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן אַביסל שטאַרקער ווי ס'איז דערלויבט פאַר אַ האַרץ וואָס קלאַפּט שוין באַלד זעכציק יאָר און אויף דער מחשבה זענען געקומען — צוזאַמען מיט אַ סך שיינע ערטער פון אייערע מקומות און נאָך מער געשטאַלטן פון ליבע מענטשן, פריינד און חברים, עקשנותדיקע היטער און בויער פון יידישער קולטור — אויך די שורות פון איינעם פון אונדזערע שענסטע יידישע פאָלקסלידער: „רויז, רויז, ווי וויט ביסטו?"

וועגן דער אַנטשטייאונג פון דעם ליד ווערט דערציילט: דער רימיניווער איז איין מאָל אַרויסגעגאַנגען פרייטיק פאַרנאַכט אין פעלד אַריין און האָט געהערט אַ פּאַסטוך זינגען אַ ליד: „רוזשאַ, רוזשאַ, יאַק טי דאַלעקאַ!" האָט ער געזאָגט, אַז מען קען נישט וויסן וואָס פאַר אַ סודות עס שטעקן אין דעם דאָזיקן ניגון און אויף מאָרגן, צו שלוש סעודות, האָט ער געזונגען דעם זעלבן ניגון מיט אַנדערע ווערטער:

רויז, רויז, ווי ווייט ביסטו?
וואַלד, וואַלד, ווי גרוים ביסטו?
וואָלט די רויז נישט אַזוי ווייט געווען
וואָלט דער וואַלד נישט אַזוי גרוים געווען.

שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסטו?
גלות, גלות, ווי לאַנג ביסטו?
וואָלט די שכינה נישט אַזוי ווייט געווען
וואָלט דער גלות נישט אַזוי לאַנג געווען.

איך נוץ אויס דעם מאַנגל אין צייט אַלס אַנטשולדיקונג פאַר נישט אָפּהיטן דעם זעלבן ריטם אין מיין פּאַראַפראַזע, אָבער מיר ווילט זיך אויך זינגען דעם ניגון מיט אַנדערע ווערטער:

„קדימה", „קדימה", ווי ווייט ביסטו?
אויסטראַליע, אויסטראַליע, ווי גרוים ביסטו?
וואָלט מיין בענקשאַפט נישט גרעסער ווי
אויסטראַליע געווען
וואָלט די „קדימה" מיר אַזוי ווייט נישט
אויסגעזען...

אָבער, וואָס איז צייט און רוים פאַרן מענטשלעכן געדאַנק, ווען מיר ווייסן אַז אַ מענטש קאָן לויפן וויפל זיינע כוחות סטייען אים און פליען ווי ווייט זיין געדאַנק פירט אים!

כאַפּ איך זיך אַרויף על כנפי המחשבה און איך פלי אַריין אין „קדימה"־זאַל און שטעל זיך אַוועק אין אַ ווינקל, נאָענט צו דער לעצטער שורה פון דעם פאַרזאַמלטן עולם (דאָרט ווו רחל האָלצער האָט ליב צו זיצן) און איך פריי זיך צוזאַמען מיט אייך און מיט אַלע אָנוועזנדע אויף דעם שיינעם יובל פון זיבעציק יאָר „קדימה".

מיין האַרץ איז מיט אייך, געטרייע היטער פון די שיינע טראַדיציעס פון דער יידישער קולטור, און איך ווינטש אייך פיל דערפאָלג אין אייער ווייטערדיקער אַרבעט לטובת דעם יידישן ישוב אין אויסטראַליע און לטובת דעם יידישן קולטור־המשך אין דער גאָרער וועלט.

איך בויג מיין קאָפּ אין אָנדענק פון די ראשונים, וועלכע האָבן געלייגט די יסודות פאַר דער אינסטיטוציע וואָס מערקט אָפּ איצט אירע שעפערישע נצחונות. איך דריק אויס מיין אָנערקענונג פאַר די אַלע וואָס האָבן אין משך פון יאָרן געשענקט זייער כוח און מוח פאַרן קיום פון דער אינסטיטוציע, און וועלכע זענען די „פּאַטראָנען" פון הייאָריקן יובל, און מיט דער איבערצייגונג אַז די נייע אָנפירונג פון דער לויפנדיקער קאַדענץ וועט פאַרווערטן די בעסטע דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווינטש איך איר, ווי אויך דעם גאַנצן „קדימה"־קאָמיטעט און אַלע „קדימה"־מיטגלידער, פיל געזונט און אַ סך נחת אין פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, נייע און אַלץ גרעסערע דערפאָלגן אין דער געבענטשטער אַרבעט לטובת דער יידישער קולטור, לטובת די אָנשטרענגונגען וואָס ווערן געמאַכט אַז אונדזער גייסטיקע ירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות זאָל אויך געהערן צום גייסטיקן פאַרמעגן פון די קומענדיקע דורות.

אַ גוט יום־טוב, אַלע אייך און נאָר אויף שמחות!

מיט דרך ארץ, אייער

**ישראל בערקאָוויטש**


מיר באַגריסן האַרציק דעם יידישן קולטור־צענטער
„קדימה"
צום אָפּמערקן 70 יאָר פון זיין עקזיסטענץ.
די „קדימה" האָט מיט איר פילפאַרביקער און רייכער טעטיקייט במשך דעם צייט־אָפּשניט געהאָלפן אויספורעמען דעם גייסטיקן און קולטורעלן מצב פון אונדזער ישוב.
מיר ווינטשן דער „קדימה" לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון ווייטערדיקע קולטור־דערגרייכונגען.

לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפט
אין מעלבורן

דעם ליכטיקן נר־תמיד פון דער קוואַליקער מזרח־אייראָ־פּעישער ייִדישקייט מיט אירע דורותדיקע קולטור־ווערטיקייטן און דעם פּנימיותדיק־שטראַליקן לשון ייִדיש, אַז ער זאָל זיך חלילה נישט פאַרלעשן. די גאָלדענע קייט פון אַן אימאַנענטער ייִדישער שאַפונג טאָר זיך נישט איבעררייסן.

מיט אַ סך מזל־ברכה פאַר אייך און אונדז אַלעמען,

אייער באמת,

**ד״ר. יעקב י. מייטלים**

לאָנדאָן, כ״ה אייר תשמ״א, דעם 29טן מאַי 1981.

---

טייערע פריינד פון „קדימה״ — מעלבורן,

מיר פרייען זיך צוזאַמען מיט אייך, מיט דעם נחת פון פייערן דעם 70סטן יובילײ פון אייער קולטור־צענטער „קדימה״.

אייער אָרגאַניזאַציע איז אַ שם דבר אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט, אַ מוסטער פון טרייִשאַפט צו אונדזער גרויסער קולטור־ירושה פון מזרח־אייראָפּע. הגם, איר פאַרצלט טאַקע אין דער דאָזיקער גייסטיק־זאַפטיקער און אַזוי אומברחמנותדיק פּריציטיק פאַרשניטענער וועלט, האָט איר באַוויזן איינצוהאַלטן אַ זעלטענע האַרמאָניע צווישן נעכטן, היינט און מאָרגן.

ווי אייער גאַסט וואָס האָט געהאַט די זכיה צו אָבסער־ווירן אייך פון דער נאָענט, בעת צוויי באַזוכן, בין איך פול מיט באַוווּנדערונג פאַר דער האַרמאָניע צווישן פאַר־שיידענע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגישע טראַדיציעס וואָס הויזן ביי אייך.

איר האָט נישט נאָר געפּרידיקט די גרונט־פּרינציפּן פון אַ שעפעריש ייִדיש וועלט־פאָלק, נאָר זיי אין אייער אינטענסיווער קולטור־טעטיקייט בלב ונפש פּראַקטיצירט. מדינת ישראל און כל תפוצות ישראל בילדן איין אינטעג־ראַלע פאָלקס געמיינשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז ניואַנסן אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דעם דאָזיקן קאַרדינאַלן באַגריף פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק, זענען ביז גאָר נאַטירלעכע. דאָס קענען אַנטוויקלען אַ געפיל פון קעגנ־זייטיקער חשיבות וואָס איך האָב ביי אייך באַמערקט איז גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג, וואָס פאַרדינט באַזונדערס באַגריסט צו ווערן.

אייער דערפאָלג איז, און וועט זיין, אַן אינספּיראַציע פאַר אונדז אַלע וואָס ראַנגלען זיך ממשיך צו זיין אונדזער קוואַליקן גייסטיקן אוצר, פון ייִדישער וועלטלעכקייט, ווי אַ ביז גאָר וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון פולער אינטעג־ראַלער ייִדישקייט.

זייט האַרציק באַגריסט, אריכות ימים דער „קדימה״ און אייך אַלעמען.

מיט גרויס דרך־ארץ און ליבשאַפט
אייער **אַרטור און מאַניע לערמער**

# אין אונדזער סביבה

אין מעלבורן עקזיסטירט זייט יאָרן אַ ביכער־קלוב, וואָס פירט אויס אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פונקציע, פון פאַרשפּרייטן דאָס ייִדישע בוך. די מיטגלידער פון קלוב באַקומען 4 ביכער יערלעך.

לעצטנס האָט דער ביכער־קלוב דורכגעפירט אַ געלונ־גענעם אָוונט אין „קדימה״. פּרעזידענט פון לאַנד־ראַט פּר׳ ראָזענקראַנץ האָט רעפערירט וועגן דער ראָל פון ייִדישן בוך. אין קינסטלערישן פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: י. שער; די ברידער סטאַריקאָוו; רחל בעקער, ש. שוואַרץ, רחל פּאַדעמסקי; סילוויאַ פּאָרטעק; דעני קליינמאַן — פּיאַנאָ: בעלאַ ווינער.

פאָרזיצער פון ביכער־קלוב איז דער מיטגליד פון „קדימה״־קאָמיטעט וו. יאַבלאָנסקי.

זונטיק, דעם 10טן מאַי ה. י. איז אין קולטור־הויז אַ״נ י. וואַקס (בונדישע אָרגאַניזאַציע) פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולער טרויער־אָוונט אין אָנדענק פון דער פאַר־שטאָרבענער לערערין צלובה קרישטאַל. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט די געוו. ציש״אָ־שילער פון וואַרשע: יהודית וואַרשאַווסקי, פ. רינגעלבלום; ש. בורשטין. ס׳האָבן אויך אָנטייל גענומען: אסתר אַלבערט; פריידל און לייבל מראַצקי.

אַ קאַציזנע־אָוונט איז פאָרגעקומען דעם 17טן מאַי ה. י. פאַרבונדן מיטן דערשיינען פון דער דראַמע: „שוואַרצ־באַרד״, אַרויסגעגעבן פון שולמית קאַציזנע. עס האָבן זיך באַטייליקט: פ. רינגעלבלום; י. קאַהאַן, דאַניעל חר״ג; אַלעקס דאַפנער; מיטגלידער פון טעאַטער־קרייז.

אויף דעם פאָרום פון „באָארד אָף דעפּיוטיס״ (מאָנטיק, דעם 1טן יוני ה. י.) האָט ראַביי ליווי ווידעראַמאָל געלאָזט הערן זיין שטים פאַר באַגרענעצן די ייִדישע אוידיציעס אויף דער עטנישער ראַדיאָ־סטאַציע, לטובת ענגליש, ווייל, די מערהייט פון ייִדישן ישוב רעדט בלויז ענגליש.

ראַביי ליווי פאַרגעסט דערביי — אַז ענגליש איז נישט די שפּראַך פון אַן עטנישער מינדערהייט, און זיין „קאַליי־דאָסקאָפּ״־פּראָגראַם אין ענגליש (יעדן זונטיק — 15 מינוט) האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם גוטן ווילן פון ייִדיש און העברעיִש, אויף וועמענס חשבון ער פירט אויס זיין אויי־דיציע. ווייל אין די פאַרשריפטן פאַר עטניש פּראָגראַמען איז נישט פאָראויסגעזען קיין אָרט פאַר ענגליש.

מיטוואָך, דעם 17־טן יולי ה. י., איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דעם שלום עליכם קאָלעדזש.

די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעהערט דעם באַריכט פון פאָרזיצער, פּר׳ גריפּנבערג; פון דער שול־פאַרוואַלטערין פרוי גראַדמאַן; קינדערגערטנער: פאַרוואַלטערין זילבערמאַן און פאַרוואַלטער פון דער זונטיק־שול — אייזענבוד.

נאָך אַ ברייטערער דיסקוסיע איז אויסגעקליבן געוואָרן דער קאָמיטעט פון 25 פּערזאָן.

מעם

דערפאָלג אין אייער פאַרצווייגטער קולטור־אַרבעט לטובת דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אויסטראַליע און בפרט אין מעלבורן. אייער הייליקע אַרבעט האָט באמת אַן אויטענטישן גרויסן ווערט און איז פשוט נישט צו דערשאַצן. זייט אונדז חשובע פריינד מוחל, וואָס מיר קאָנען נישט געניסן פון אייער איינלאַדונג צוליב די גאָר גרויסע רייזע־קאָסטן. מיר גריסן אייך זייער הערצלעך און ווינטשן נאָר גוטע בשורות. חוץ לזה באַגריסן מיר זייער הייס די רעדאַקציע פון די „מעלבורנער בלעטער", די דירעקציע און שוישפילער פון דעם „דוד הערמאַן טעאַטער" און פונעם כאָר „הזמיר".

מיט כבוד און די בעסטע ווונטשן

**פּראָפעסאָר ד"ר מ. האָרן**

דירעקטאָר פון ייה"א

✶

חשובע פריינד,

אַלס וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן באַגער איך הייס צו באַגריסן אייער גרויסן יום־טוב, דעם 70־יאָריקן יובל פון דער גאָר וויכטיקער געזעלשאַפט „קדימה". אייער גרויסע, מעכטיקע אַרבעט לטובת דער קולטורעל־געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אויסטראַליע האָט באמת אַ גוואַלטיקן ווערט און איז פשוט נישט צו דערשאַצן.

איך וווּנדער זיך דעריבער נישט, וואָס איר האָט דערגרייכט אין אייער מיפולער, געזעלשאַפטלעך־קולטורעלער אַרבעט אַזעלכע גרויסע דערפאָלגן. איך האַלט, פאָר נויטיק באַזונדערס אונטערצושטרייכן דעם ברייטן מאַסשטאַב און שלל פון אייערע קולטור־אונטערנעמונגען ווי: וואָרט־קאָנצערטן, פאַרלעזונגען, רעפעראַטן, סימפּאָזיומס, פעסטיוואַלן, פילם און פאַרווײַלונג־אָוונטן. דער דאָזיקער קאַטאַלאָג באַווײַזט די גרויסע פאַרשידנאַרטיקייט און גרויסן פאַרנעם פון אייער הייליקער אַרבעט. איך וויל הייס באַגריסן די אָנפירערשאַפט און שוישפילער פונעם „דוד הערמאַן טעאַטער", די רעדאַקציע פון די „מעלבורנער בלעטער", די „קדימה"־ביבליאָטעק" און דעם דיריגענט און זינגער פונעם כאָר „הזמיר".

איר אַלע, איבערגעגעבענע טוער פון דער „קדימה" פאַרדינט אַן אמתן, הייסן יישר־כח. איך גלויב, אַז אין דער שווערער, טאָג־טעגלעכער מי פון אייער וויכטיקער אַרבעט, פאַרגעסט איר נישט אינעם יונגען דור. איך פערזענלעך בין פולשטענדיק איבערצייגט, אַז דער בעסטער וועג אָנצוצינדן אינעם יונגען דור א פייער פון אַרבעטס־ווילן לטובת דעם כלל, איז דאָס געבן די פעיקסטע און גערנווילליקע פאָרשטייער פון דער יידישער יוגנט די מעגלעכקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעט.

איך ווינטש אייך אַלעמען אַ ווייטערדיקן, גרויסן דערפאָלג אין אייער הייליקער אַרבעט לטובת דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור און איר באַרייכערונג.

מיט כבוד און די בעסטע ווונטשן

**מאַג. אַלעקסאַנדער פאַקענטרעגער**

וואַרשע, דעם 30־טן מאַי 1981

## „בונד"־אַרכיוו
## פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג
### א. נ. פון פראַנץ קורסקי

חשובע פריינד,

מיר דאַנקען אייך זייער פאָר אייער איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אין די פייערונגען לכבוד דער 70־יאָריקער עקזיסטענץ פון אייער געזעלשאַפט, אַ ביז גאָר וויכטיקע דאַטע אין יידישן קולטור־לעבן פון אייער לאַנד, דער ווייטנאָענטער אויסטראַליע.

היות ווי מיר וועלן נישט קאָנען זיך פערזענלעך באַטייליקן אין אייער יובל־פייערונגען, שיקן מיר אייך בכתב אונדזערע בעסטע גרוסן און ווונטשן צו אייער יום־טוב און האָפן צו הערן וועגן אייערע אויפטוען אין דער נאָענטער און ווייטערער צוקונפט נאָך אַ סך מאָל.

זאָלן געשטאַרקט זיין די הענט פון די בויער און היטער פון יידישער קולטור אין אויסטראַליע!

מיט פריינדלעכע גרוסן

פאַר דער פאַרוואַלטונג

פון „בונד"־אַרכיוו

**פּראָפ' בנימין נאַדעל**

---

חשובע און ליבע פריינד,

אַ דאַנק אייך פאַר דער פאַרבעטונג אָנטייל צו נעמען אין דער פייערונג פון אייער יובל השבעים פון דעם בכבודיקן און שיינעם קולטור־צענטער „קדימה". אויב עס איז מיר נישט מעגלעך בפועל ממש צו זיין ביי אייך, אין אייער וואַרימער מחיצה און זיך צוזאַמען פרייען מיט אייער ליכטיקער קולטור־שמחה, דערלויבט מיר וויניקסטנס בכתב אייך איבערשיקן מיינע גוטע און וואַרעמע ברכות לכבוד אייער שיינעם יום־טוב.

זיבעציק יאָר פון אַן אַקטיווער, געטרייער און וואָגיקער קולטור־אַרבעט אין דעם מרחקימדיקן ישוב אין אויסטראַליע, ווילן אונדז לאָזן עפּעס הערן. פאַרדינט טאַקע אייער איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט צו דער ירושה פון דער אַמאָליקער רחבותדיק־שטראָמיקער יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע, נישט בלויז אָנערקענונג און שאַצונג, נייערט אַ שפּאָר ביסל ליב און אויפמונטערונג אויף להבא. אייער זיבעציק יאָריקער יובל שטייט בסימן ע' ווי אַן עין טוב פאַר דעם קולטורעל אויסגעצייטיקטן יידישלעכן ישוב אין אויסטראַליע, און דערצו פאַר דעם כלל צוואָרעמטע יידיש־ליבהאָבערס, אחריותדיקע עסקנים און בעל־יצירות, וואָס היטן אָפּ מיט אַ וואַכיקער געטריישאַפט און אַ סך עקשנות דעם כבוד פון יידישן שאַפערישן וואָרט אין אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע מאַניפעסטאַציעס און קינסטלערישע אַספעקטן.

שעפּט, לע כן, באַנייטע, פרישע כוחות ווייטער אָנצוגיין מיט אייער גוטער און שיינער אַרבעט, העלפט אָנהאַלטן

# באַגריסונגען

## וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

תל־אביב, 29טן מאי 1981

חשובע פריינד,

אין שייכות מיט דער פייערונג 70 יאָר פון זינט עס עקזיסטירט אייער יידישער קולטור־צענטער „קדימה", שיקן מיר אייך אונדזערע האַרציקסטע ברכות און מיר ווינטשן אייך ביי דער געלעגנהייט, אַז איר זאָלט אויך אויף להבא מצליח זיין אין אייער וויכטיקער קולטור־טעטיקייט וואָס איז אַזוי נויטיק אויפצוהאַלטן און צו שטאַרקן די יידישע קולטור־אוצרות, די שאַפונגען פון אונדזער פאָלק אין משך פון יאָר הונדערטער, וואָס דאַרפן פאַרגעזעצט ווערן אין דער קעגנוואַרט און דער עיקר פאַר די קינפטיקע דורות.

אין משך פון די 70 יאָר עקזיסטענץ אין מעלבורן האָט „קדימה" פאַרנומען דעם צענטראַלן פּלאַץ פון יידיש קול־טור־טעטיקייט און דערמיט בייגעטראָגן פיל צו צעמענטירן יידיש לעבן.

דער וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור גיט חשיבות דעם פאַקט, אַז אין די לענדער זאָל עפעקטיוו דורכגעפירט ווערן יידישע קולטור־טעטיקייט אויף פאַר־שידענע געביטן וואָס דאָס איז גורם צו שטאַרקן יידיש נאַציאָנאַל לעבן. די פרידיקע דערגרייכונגען אין דער הינ־זיכט פון „קדימה" זאָגן עדות, אַז אייער ריכטיקער צוגאַנג פון שטיצן יידיש קולטור האָבן געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

היינט, ווען שפּראַך־אַסימילאַציע האַלט אין איין וואַקסן, ווען נאַציאָנאַל יידיש לעבן ווערט אָפּגעשוואַכט, איז פון גרעסטער וויכטיקייט, אַז „קדימה" מיט אַלע פאַקטאָרן פון יידיש קולטור־לעבן אין מעלבורן זאָל ממשיך זיין בויען די פעסטונג פון יידישער קולטור. „קדימה" דאַרף שטרעבן צו פאַרפעסטיקן אירע קולטור־פאַרבינדונגען מיט דער יידיש־העברעישער קולטור אין ישראל, ווו יידיש ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעשאַצט. דאָס וועט זיכער געבן צוגאָב חשיבות צו אייערע קולטור־באַמיונגען.

מיר ווילן אייך ווינטשן, אַז אין אייערע ווייטערדיקע באַמיונגען זאָלט איר אויספּלאַסטערן אַ וועג צו דערנענ־טערן דעם 2טן יונגן דור, וועלכער דאַרף ווערן אַ שותּף אין דער וויכטיקער קולטור פאַרפעסטונג.

מיט בעסטע ווונטשן
**יצחק קאָרן**
פאַרזיצער פון וועלט־ראַט
פאַר יידיש און יידישער קולטור

## יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־ פאַריין אין ישראל

תל־אביב, דעם 5טן יוני, 1981

ליבע חברים,

צום אָפּמערקן די 70־יעריקע עקזיסטענץ פון „קדימה" דריק איך אויס די האַרציקסטע ווונטשן אין מיין אייגענעם נאָמען, אין נאָמען פון דעם יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל און פון דער רעדאַקציע „לעצטע נייעס" פאַר דער לייטונג פון אָט דער היסטאָריש־שעפערישער אינסטיטו־ציע אויף דעם ווייטן קאָנטינענט. הלוואַי איר זאָלט האָבן כוח און גלויבן ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון „קדימה", וואָס ס'איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי עס וואָלט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן אין אייער ישוב אָן אָט דער אינסטיטוציע. פון אייער ווייטן קאָנטינענט לייכט אַרויס דער פאַקל פון „קדימה", ווי דער פרייהייט־דענקמאָל אין פאָרט פון ניו־יאָרק, נאָר „קדימה" איז גע־ווען די ליכט־ריכטונג, אַז אין מעלבורן לעבט די יידישע קולטור, די יידישע ליטעראַטור און די ירושה פון ווערטן, וועלכע זענען במשך פון הונדערטער יאָרן געשאַפן געוואָרן אין דעם לעצטן יידישן קולטור־צענטער אין מזרח־איראָ־פּע. אָן „קדימה" וואָלט אויסטראַליע פאַר די יידן פון מזרח־איראָפּעישן אָפּשטאַם געווען אַ קולטור־מדבר; מיט „קדי־מה" איז אויך די יונגע אויסטראַלישע קולטור געוואָרן אַ טייל פון דער לאָקאַלער יידישער קולטור.

ווען איר וועט פייערן דעם אָפּמערק פון 70 יאָר „קדי־מה", וועל איך מיט מיין האַרץ זיין צוזאַמען מיט אייך און אייך זאָגן: הלוואַי מיר זאָלן אַלע זיין צוזאַמען אויף דער פייערונג פון 100 יאָר „קדימה"!

אייער בלב ובנפש
**מ. צאַנין**

---

## יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן

ווארשע, דעם 27טן מאי, 1981

### זייער געערטער פּרעזידענט און חשובער פריינד!

אייער בריוו מיט דער איינלאַדונג אויף אייער צענט־ראַלער יובל־פייערונג 70 יאָר „קדימה" האָבן מיר אָקאָרשט דערהאַלטן. מיר דאַנקען אייך זייער הן פאַרן בריוו, הן פאַר דער איינלאַדונג. דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן באַגריסט זייער היים אייער גרויסע שמחה, דעם 70־יאָריקן יובל פון דעם יידישן קולטור־צענטער און ביבליאָטעק „קדימה" אין אויסטראַליע.

מיר ווינטשן אייך אַלעמען אַ ווייטערדיקן, גרויסן

# אונדזער גאַסט —
# פּראָפ. יודזשין אָרענשטיין



אין משך פון די 25 יאָר, וואָס די „קדימה" לאַדט איין געסט־לעקטאָרן פון אויסלאַנד, האָבן מיר דאָ געהאַט אַנגעזעענע שרייבער, לעקטאָרן, געזעלשאַפטלעכע טוער — מענטשן פון אַ הויכער גייסטיקער מדרגה.

אונדזער איצטיקער גאַסט, פּראָפ. יודזשין אָרענשטיין, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק און לעבט אין קאַנאַדע, פאַרנעמט אַן אייגנאַרטיקן אָרט אין יידישן לעבן.

אַ יונגער מענטש, קוים פערציק יאָר אַלט, איז ער פּראָפעסאָר אין מעגיל־אוניווערסיטעט, מאָנטרעאָל. ער איז אויך פאָרזיצער פון דער ייִדיש־אָפּטיילונג ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס. דעם דאָזיקן אַמט האָט פריער פאַרנומען אונדזער גוט־באַקאַנטער פריינד, פּראָפ. לערמער.

ספּעציאַליזירנדיק זיך אין די פּראָבלעמען און געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט פּראָפ. אָרענשטיין אויך שטודירט יידישע ליטעראַטור. זיין קענטשאַפט פון יידיש לשון און פון יידישער ליטעראַטור מאַכט דעם איינדרוק ווי פּר׳ אָרענשטיין וואָלט געבוירן געוואָרן אין אַ יידישער סביבה, ערגעץ ווו אין פּוילן.

פאַר פּעסימיסטן — וואָס זעען נישט קיין צוקונפט פאַר יידיש, איז פּראָפ. אָרענשטיין אַ בולטער באַווייז פון דער וויטאַליטעט פון יידישן לשון און יידישער שעפערישקייט.

ווען מיר שליסן דעם נומער, האָט פּראָפ. אָרענשטיין שוין באַוויזן צו באַרייכערן אונדז מיט דריי באַלערנדיקע און גרינטלעכע רעפעראַטן. (אַן אָפּשאַצונג וועגן באַזוך פון פּראָפ. אָרענשטיין — וועלן מיר ברענגען אין קומענדיקן נומער).

„דער כוח פון יידיש" (21סטער יוני ה. י.) עס קומט צום אויסדרוק די שעפערישקייט פון עלי שעכטמאַן אין זיין עפּאָפּיי פון אַ יידישער פאַמיליע אין רוסלאַנד, אָנהויב הײַנטיקן יאָרהונדערט. „ערב" — דאָס באַהאַנדלטע בוך, ווו שעכטמאַנס טיפּן באַוועגן זיך אויף אַ ברייטן לייוונט; דער קנויל פּראָבלעמען — דאָס אַלץ האָט פאַר אונדז דער לעקטאָר פאַנאַנדערקליבן מיט די געהעריקע מעטאָדן און וויסן.

די צווייטע לעקציע (24טן יוני ה. י.) „משה לייב האַלפּערן, דער פּאָעט פון לעסטערונג און פון ליבע" — גיט אין איין שורה איבער אַלץ, וואָס משה לייב האַלפּערן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, אויפן פאָן פון אַמעריקאַנער יידישער ווירקלעכקייט. פּר׳ אָרענשטיין מאָלט דעם דיכטער וואָס וויל ליבן, נאָר האָט מורא, מען זאָל עס נישט באַטראַכטן פאַר אַ שוואַכקייט — לעסטערט ער.

די דריטע לעקציע (28 יוני) האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וויסנשאַפטלעכן פאַרמעסט: 1981־1881 — הונדערט יאָר אין לעבן פון יידישן פאָלק.

ברייטער ווערט אין דער לעקציע באַהאַנדלט די יידישע מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, איר ביישטייער צום אַלגעמיינעם לעבן. די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל — און איר געשיכטלעכער ראָל.

מיר באַגריסן האַרציק אונדזער גאַסט און דריקן אים אויס אונדזער דאַנקבאַרקייט, וואָס ער האָט זיין וואַקאַציע אָפּגעגעבן אויסצוברייטערן אונדזערע גייסטיקע האָריזאָנטן.

---

# פּר׳ סענדער בורשטין
# זיך צוריקגעצויגן
# פון דער „קדימה"־טעטיקייט

זינט זיין אָנקום קיין אויסטראַליע (1927) ביזן סוף פון יאָר 1980, איז פּר׳ סענדער בורשטין געווען אַקטיוו פאַרבונדן מיט דער „קדימה".

אין די יאָרן 61־1958 און 73־1967, איז פּר׳ בורשטין געווען פּרעזידענט פון דער „קדימה".

צו דער געלעגנהייט פון זיין צוריקציען זיך פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, האָט די „קדימה"־עקזעקוטיוו אַרויסגעשיקט צום פּר׳ בורשטין דעם פאָלגנדיקן אַנערקענונגס־בריוו:

**חשובער פריינד סענדער בורשטין,**

**דער „קדימה"־עקזעקוטיוו האָט אויף אַ זיצונג באַשלאָסן איבערצושיקן אייך אַן אַנערקענונגס־בריוו פאַר די צענדליקער יאָרן טעטיקייט, וועלכע איר האָט געווידמעט דער „קדימה".**

**אונטער אייער אָנפירונג איז זיך די „קדימה"־טעטיקייט צעוואַקסן און איז געווען די פעסטונג פון יידישער שפּראַך און יידישער קולטור אין אונדזער ישוב.**

**מיר שאַצן אָפּ אייער אָנשטרענגונג און מי, וועלכע איר האָט אָפּגעגעבן כדי אָנצופירן מיט אַן אינסטיטוציע אין שווערע, שטורמישע צייטן, ווען מען האָט באַדאַרפן האָבן אַ גוטן געזעלשאַפטלעכן חוש און טאַקט, אַ פאָראַנטוואָרטלעכן צוגאַנג, כדי צו געבן דער „קדימה" דעם אָנזען, וואָס זי האָט הײַנט.**

**מיר פאַרזיכערן אייך, אַז די „קדימה"־טוער שאַצן הויך אייערע אויפטוען און וועלן זיי תמיד געדענקען.**

מיט אָנערקענונג און אַכטונג

פּרעזידענט: **י. אָרבאַך**

ערן־סעקרעטאַר: **מ. אייזענבוד**

אַמטירנדע סעקרעטאַרין: **י. וואַרשאַווסקי**

נומען עטלעכע „אַבאָרידזשינעס“ (שוואַרצע איינגעבוירענע) וועמענס אויפגאַבע איז געווען אויסצושפּירן די אַנוועזנהייט פון פּאָליציי.

איבער גאַנץ ניו־סאַוט־וויילס איז די „דזשו־באָי“ באַנדע באַרימט געוואָרן מיט אירע דרייסטע אַוואַנטורעס. די רעגירונג אין סידנעי האָט ארויסגעשיקט אַן עקספּערט „בושמען“, לויטענאַנט קריסטי מיט אַן אָפּטיילונג רייטער־פּאָליציי, מיט שוואַרצע וועגווייזער אויסצוגעפינען די באַנדע.

דייוויס מיט זיין באַנדע האָבן זיך דערפון דערוווּסט און זענען אַוועק אין אנדערע געגנטן, אויסצומידן אַן אָפּענעם קאַמף און מענטשלעכע קרבנות. דייוויס האָט אין קיין שום פאַל נישט דערלאָזט אומצוברענגען אַ מענטשלעך לעבן. זיינע מאָטיוון זענען אָבער נישט געקומען פון הומאַניטאַרע געפילן. אין זינען האָט ער געהאַט די סימפּאַטיע פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג, מערסטע באַפרייטע „קאָנוויקטס“ און אירלענדער, וועלכע האָבן שטאַרק געהאַסט די דיקטאַטאָרישע מאַכט פון דער קאָלאָניע און בתוכם די פּאָליציי.

אומברענגען אַ מענטשן דורך דייוויסעס באַנדע וואָלט געהייסן פאַרלירן די סימפּאַטיע און הילף פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג, וועלכע וואָלט זיין באַנדע אויסגעליפערט צו דער פּאָליציי.

געוויינער־ווערנדיק פון די פּאָליציי־פּלענער זענען זיי אַוועק אין אַן אַנדער געגנט און אויפן וועג אָנגעפאַלן אויף אַ פאַרם פון אַ רייכן גוט־באַזיצער, אַ געוויסן פלעמינג, וועלכער האָט באַוואָפנט זיינע אַרבעטער. זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. די באַנדיטן האָבן אָבער געזיגט און צוגענומען דאָס געווער, פערד און אַלעס ווערטפולעס.

אין סוף פון 1846 איז דעם „דזשו־באָיס גענג“ באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ אויסטראַליע, און אירע „העלדישע מעשים“ זענען גלאָריפיצירט געוואָרן צווישן פּשוטן פאָלק. פאַרשטענדלעך, אַז דייוויס איז געווען דער העלד און די לעגענדאַרע פיגור. צווישן איינע פון זיינע דרייסטע אָנפאַלן ווילן מיר דאָ דערמאָנען דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד: דייוויס מאַכט אַ סורפּריז־אַטאַקע אויפן פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון מאַיטלאַנד דיסטריקט, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אַן אָפּטיילונג רייטער־פּאָליציי געוואָלט פאַרהאַלטן די באַנדע.

ער האָט זיי אַלע אריינגעטריבן ווי שעפּסן אין א שפּייכלער, צוגענומען זייער געווער, פערד און אַלע ווערטפולע זאַכן און אַוועקגעריטן מיט זיין באַנדע אין „בוש“.

זיין פּאָפּולערקייט איז געוואַקסן און אַנדערע באַנדיטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין זיין באַנדע, וועלכע איז באַשטאַנען פון 15 געפערלעכע פאַרברעכער.

אין איינציקער מאָרד האָט אָבער דערפירט צו דער באַנדעס אונטערגאַנג. אין א קרעטשמע, נאָענט פון אַ שטעטל האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד און איינער פון די פאַרמערס האָט ארויסגענומען זיין רעוואָלווער און געוואָלט דערשיסן דייוויסן. זיין געטרייע לייבוואַך איז געווען שנעלער און דערשאָסן דעם פאַרמער.

דער מאָרד האָט אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג פון די איינפאַכע פאַרמערס און בוש־מענטשן. זייער סימפּאַטיע צו די באַנדיטן איז פאַרשוווּנדן. די פּאָליציי האָט אין קורצן באַקומען אינפאָרמאַציעס ווו צו געפינען דעם „דזשו־באָי“ מיט זיין באַנדע.

עדוואַרד דעי, אַ פּיליציי־אָפיציר מיט אַן אָפּטיילונג פּאָליציי און פאַרמער־וואָלונטירן, האָבן אַרומגערינגלט דאָס באַהעלטעניש פון די באַנדיטן און נאָך אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, אין וועלכן דייוויס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן זענען זיי אַלע אַרעסטירט געוואָרן און געשמידטע אין קייטן אויף די הענט און פיס, איבערגעפירט געוואָרן אין דער צענטראַלער סידנעיער טורמע.

זיבן מיטגלידער פון דער באַנדע בראש מיט עדוואַרד דייוויס זענען פאַרמשפּט געוואָרן דורכן סידנעיער געריכט צום טויט דורך הענגען. די עפנטלעכע עקזעקוציע איז פאָרגעקומען דעם 10טן מערץ 1848 אויף דזשאָרדזש סטריט אין סידנעי.

רעווערענד יעקב אייזיקס פון סידנעי האָט אים באַגלייט צו דער תליה און מיט אים אָפּגעזאָגט ווידוי. עדוואַרד דייוויס איז באַגראָבן געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם קבר צוזאַמען מיט זעקס מיטגלידער פון זיין באַנדע און קיין שום צייכן פונעם קבר איז נישט איבערגעבליבן.

---

## „קדימה“־ביבליאָטעק

די „קדימה“־ביבליאָטעק און לייען־זאַל צעוואַקסן זיך וואָס אַמאָל מער, און ציען צו לייענער פאַר די צאָלרייכע צייטונגען און זשורנאַלן פון דער וועלט, ווי אויך מיטן אויסוויל פון די נייעסטע יידישע ביכער, וואָס דערשיינען אין משך פון דער צייט. אויך ענגלישע ביכער אויף יידישע טעמעס פאַראינטערעסירן יידישע סטודענטן, וואָס באַזוכן אָפט דער ביבליאָטעק.

מיר ברענגען דאָ אַ קורצע רשימה פון די ביכער, וואָס זענען לעצטנס דערשינען:

חיים שמולעוויטש: „צוריק פון יענער וועלט“ — תל־אביב.

ישראל בערקאָוויטש: „פונקען איבער דורות“ (לידער) בוקאַרעשט.

ישראל בערקאָוויטש: „אין די אויגן פון אַ שוואַרצער קאַווע (לידער) בוקאַרעשט.

לייבל באָטוויניק: „די געהיימע שליחות“ (פאַנטאַסטישע דערציילונג).

יוסף אָקרוטני: „עסייען פון האַרבסטיקן געמיט“.

ש. טשעכאָווער: „נשמה־ליכט“ (היים און חורבן).

צביה לובעטקין: „אין אומקום און אויפשטאַנד“.

אַלטער קאַציזנע: „שוואַרצבאַדד„ (דראַמע).

משה שטאַרקמאַן: „געקליבענע שריפטן“

חנן קיעל: „אַ פאַסטעך אין דער פרעמד“ (לידער).

שמעון אָרענשטיין: „געראַנגל“

שמואל בענעט

# ייִדישער „בושרענדזשער" — עדוואַרד דייוויס

אַ פאַרשידנאַרטיקע גאַלעריע פון ייִדישן טיפּן האָבן באַרייכערט דעם פינפטן קאָנטינענט — פּאָזיטיוו ווי נעגאַטיוו — זינט די פּיאָנערישע צייטן פון אויסטראַליעס קאָלאָניזאַציע. צווישן זיי געפינט זיך דער טרויעריק באַרימטער „בושרענדזשער" עדוואַרד דייוויס — דער „דזשו־באָי".

בכלל גענומען, פאַרנעמען די „בושרענדזשער" אַן אָנגעזען אָרט אין דעם אויסטראַלישן פאָלקלאָר, און דער „דזשו־באָי" געפינט זיך דאָרט צוזאַמען מיט נעד קעלי, בען האָל און דזשעקי־דזשעקי.

דייוויס איז געווען איינער פון די באַרימטסטע באַנדיטן אין דער פּיאָנערישע עפּאָכע פון 18טן י.ה. זיין פּריסטע ביאָגראַפיע איז אומבאַקאַנט. אויפן אַלגעמיינעם בית־עולם אין פּאָרט מעקוואַרי (נ.ס.וו.) געפינט זיך די מצבה פון דייוויד דייוויס, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1836. לויט דער לאָקאַלער טראַדיציע, איז ער דער ברודער פון באַרימטן „בושרענדזשער" עדוואַרד דייוויס. דער לעצטער האָט נישט געהאַט קיין מזל באַערדיקט צו ווערן אין אַן אייגענעם קבר. נאָך דער עקזעקוציע איז ער באַגראָבן געוואָרן אין אַ מאַסן־קבר מיט די אַנדערע באַנדיטן פון זיין באַנדע.

אַלס קאָנוויקט איז דייוויס וואַרשיינלעך געקומען פון ענגלאַנד אויף אַן אַרעסטאַנטן־שיף אין דער שטראָף־קאָלאָניע פון ניו־סאָוט־ווילס.

דער רעזשים איז דאָרט געווען זייער אַ שטרענגער. אייזערנע קייטן אויף די פיס, שמייסן פאַר יעדער קלייניקייט, איינצל־קאַמערן און שווערע פיזישע אַרבעט. קיין וווּנדער נישט, וואָס אַרעסטאַנטן זענען אַנטלאָפן און זיך גענומען צו רויבעריי אויף די הויפּט־וועגן.

דייוויס האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם שווערן קאַטאָרגע־רעזשים און איז ווי די אַנדערע, אַנטלאָפן אין „בוש", דרום־זייט פון האקסבורי טייך. צוזאַמען מיט זיבן אַנדערע אַנטלאָפענע „קאָנוויקטס" האָבן זיי געשאַפן אַ רויבער־באַנדע. אַלס גרופּע פון זיבן, האָבן זיי זיך געפילט דרייסט, און אָנגעפאַלן אויף פרייע „סעטלערס", פאַרמערס און קליינע דערפער. זיי האָבן אויסגעקליבן דייוויסן אַלס אָנפירער פון דער באַנדע.

עדוואַרד דייוויס האָט אָנגעהויבן זיין „קאַריערע" אין יאָר 1839, אין דעם דרומדיקן טייל פון ניו־סאָוט־ווילס, אין דער מאַיטלאַנד געגנט. ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם איינגעשטעלטן „סיסטעם" פון פריערדיקע „בושרענדזשערס" און זיך קאָנצענטרירט אויף די הויפּט־וועגן, באַזונדערס אויף דעם „גרעיט נאָרטערן ראוד" — אַ צענטראַלער וועג, וווּ דער פאַרקער איז געווען גרויס. דאָ האָט דייוויס באַרויבט רייזנדע סוחרים און פּאָסט־קאָנוואָיען. באַזונדערס געלט און צירונג. אומגעשטערט האָט זיין באַנדע גאַסטראָלירט איבער די קעניגלעכע שאָ־סייען. דער „סידנעי מאָרנינג העראַלד" פון אַפּריל 1839 שרייבט:

„די געגנט פון מאַיטלאַנד איז פול מיט רויבערייען, אויסגעפירט דורך אַנטלאָפענע באַוואָפנטע „קאָנוויקטס". אין איין וואָך האָבן זיי באַרויבט ניט ווייניקער ווי 7 פּאָסט־קאָנוואָיען און רייזנדע סוחרים, צונעמענדיק ביי זיי אַלע ווערטפולע זאַכן. מעק־דאוגאל, אַ פּאָליציי־אָפיציר און וואָלונטירן האָבן געמאַכט אַן אָבלאַווע, אָבער אָן רעזולטאַטן".

די באַנדע איז געווען גוט־אָרגאַניזירט, באַוואָפנט און אַלע זענען געווען גוטע רייטער. זיי האָבן באַדראָט די אויטאָריטעט פון דער פּאָליציי און די זיכערקייט פון די ווייניק־באַפעלקערטע געגנטן.

די „דזשו־באָי" באַנדע ווי זיי זענען אָנגערופן געוואָרן, זענען באַרימט געוואָרן אַלס דרייסטע באַנדיטן. פאַר זייערע קעפּ האָט די רעגירונג פון ניו־סאָוט־ווילס באַשטימט אַ פּרעמיע פון 1000 פונט (אַ גרויסע סומע געלט אין יענע צייטן) פאַר כאַפּן זיי טויט אָדער לעבעדיק.

די באַנדיטן האָבן אָנערקענט דייוויסן אַלס גוטן און בראַוון אָנפירער, געהאָרכזאַם אויסגעפירט זיינע באַפעלן, נישט צו פאַרגיסן קיין מענטשלעך בלוט. ער האָט צוגע־

---

מאיר זייבל

## אַ גוט מאָרגן דיר, טאָג!

עס קייקלען זיך טעג, אַן אויפהער אַוועק
פאַרשווינדן אין אייביקן נעכטן.
מיין קריגעלע צייט ליידיקט אויס זיך
פון טעג. פאַר היינט, ווי פאַר מאָרגן...
זיי ווערן שוין ווינציקער, זעלטן.

אויפגעגאַנגען איז דער היינטיקער טאָג
אין שיינקייט, אין פריש פון פרימאָרגן.
זיין פּנים געוואַשן געווען איז פון טוי
אַ קלאָרער — אָן דאגות און זאָרגן.
און זע —
אַפילו אויף שטאָטיש פאַרוואָרלאָזטן גראָז
אַפילו אויף גאַסן אַספאַלטן געגאָסן אין גרויי
בליצן פון ווייטן אויף, אַזוי ווי בריליאַנטן
אַ פאַרוואַלגערט שטיקעלע גלאָז.

אַנשטאָט מיט ווערטער, מיט שיינע
באַשרייבן דעם טאָג
כ׳וויל בעסער אַרויסגיין אים פול צו געניסן
מיט יענעם געוויינטלעך־אויסטראַלישן זאָג:
„אַ גוט מאָרגן — ס׳איז היינט —
אַ שיינער און הערלעכער טאָג".

טרעפער און ערגער וועלכער איז געווען טעטיק אין יאַפּאַן — זיי אַלע האָבן אינפאָרמירט סטאַלינען אַז די יאַפּאַנער זענען נישט גרייט אָנצופאַלן אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. דעמאָלט האָט סטאַלין דעצידירט אַריבערצוואַרפן די סיבירער דיוויזיעס אין דער געגנט פון מאָסקווע און איינהאַלטן דעם פאָרויסמאַרש פון די דייטשע אַרמייען.

ס'איז נישט צום גלייבן, מיט וואָס פאַר אַ שנעלקייט זענען די פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס אָנגעקומען פון די דייטשע אינפאָרמאַציע צענטערן אין בערלין און אַנדערע קוועלן, קיין מאָסקווע. איצט בלייבט נאָר די פראַגע. ווער זענען געווען די צושטעלער פון די געהיימע דייטשע באַריכטן? די רויטע קאַפּעליע איז געווען אַ שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע, אָרגאַניזירט דורך דער מאָסקווער צענטראַלע, אין וועלכער ס'האָבן געאַרבעט קאָמוניסטן און קעגנער פון נאַצי דייטשלאַנד. די רויטע קאַפּעליע האָט ווי באַוווּסט געהאַט שוועריקייטן מיט ראַדיאָ פאַרבינדונגען מיט מאָסקווע. צוליב די שטענדיקע איבערפאַלן פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט צעשטערט די פאַרבינדונגען. איז געבליבן דער איינציקער וועג: איבערצושיקן די אינפאָרמאַציע דורך ראַדאָ וועלכער האָט דיספּאָנירט מיט דריי ראַדיאָ־סטאַציעס. לויט טרעפּערן איז די רויטע קאַפּעליע געווען די איינציקע שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט אינפאָרמירט דורך געהיימע קאַנאַלן מאָסקווע, ביז איר פולשטענדיקער ליקווידאַציע אין דער העלפט פון יאָר 1942. נאָך דער פאַרניכטונג פון דער רויטער קאַפּעליע און אירע וויכטיקסטע מיטאַרבעטער מיט לעאָפּאָלד טרעפּערן אַריינגערעכנט, האָט מאָסקווע ווייטער באַקומען וויכטיקע אינפאָרמאַציעס פון רעסלער און ראַדאָ, וועלכע האָבן פונקציאָנירט אין שווייצאַריע.

די דייטשע זיכערהייטס אָרגאַנען הייבן אָן אין דער צייט זוכן א צווייטע שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע, וועלכע אינפאָרמירט מאָסקווע מיט זייער פּרעציזע אינפאָרמאַציעס. דאָס זוכן די שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע אָקופּירטע לענדער ברענגט נישט קיין שום רעזולטאַטן. די געסטאַפּאָ רופט די געהיימע אָרגאַניזאַציע „די שוואַרצע קאַפּעליע".

די צושטעלער פון די געהיימע באַריכטן זענען געווען דייטשע אָפיצירן, פון דער העכסטער אָנפירונג. זיי מאַכן אַלע באַמיאונגען אַראָפּצוואַרפן דעם נאַצי רעזשים מיט דער מיטהילף פון די מערב רעגירונגען. אין דער ערשטער רייע אַרבעטן זיי פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט ענגלאַנד און אַמעריקע. די אַקציע איז געווען זייער פּאָפּולער אין דער צייט אין דייטשלאַנד, אַפילו אין די נאַצי קרייזן.

זיי זענען געווען די, וועלכע האָבן איבערגעשיקט אַלע וויכטיקע אינפאָרמאַציעס קיין שווייצאַריע, נישט אָריענטירנדיק זיך, אַז רעסלער איז אין פאַרבינדונג מיט ראַדאָ, דעם סאָוויעטישן הויפּט אַגענט. ס'איז שווער פעסטצושטעלן די ליסטע פון אַלע פּראָמינענטע אינפאָרמאַנטן. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז קאַנאַריס, דער שעף פון מיליטערישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש, און באָרמאַן, פון די נ. ס. ד. פּ. האָבן איבערגעשיקט פון צייט צו צייט אינפאָרמאַציעס צו רעסלערן. מאָסקווע האָט פיל מאָל געפרעגט ביי ראַדאַ: פון וועמען באַקומסטו אַזעלכע גענויע אינפאָרמאַציעס? רעסלער האָט קיינמאָל נישט אָנגעגעבן די נעמען פון זיינע אינפאָרמאַנטן. אַפילו נאָך דער מלחמה, האָט רעסלער נישט געוואָלט זאָגן ווער ס'זענען געווען די אינפאָרמאַנטן. רעסלער איז געשטאָרבן אין יאָר 1956, און מיטגענומען אין קבר אַריין דעם סוד. איינעם אַ זשורנאַליסט האָט רעסלער איבערגעגעבן די פּסעוודאָנימען פון עטלעכע אינפאָרמאַנטן. ווערטער פון הערעס אָבערקאָמאַנדאָ. סטעפאַן פערדינאַנד — פון דער לופט־קאָמאַנדאָ פון דער ווערמאַכט; טעדדי — פון אָבערקאָמאַנדאָ־וואַפע; אָלגאַ, פון דער רעזערוו־אַרמיי; אַננאַ — אין אויסערן־מיניסטעריום, און ביל אין באַוואָפענונגס־מיניסטעריום, און עטלעכע גענעראַלן. איין זאַך איז זיכער, אַז אַלע אינפאָרמאַציעס זענען געווען פון דער גרעסטער וויכטיקייט. מאָסקווע האָט עס פיל מאָל באַשטעטיקט.

אויסער די צוויי קאַפּעליעס: די רויטע און שוואַרצע, האָט מאָסקווע באַקומען פון ענגלישן געהיים־דינסט וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. די אינפאָרמאַציעס זענען געשיקט געוואָרן צו רעסלערן און ער האָט זיי איבערגעגעבן צו ראַדאַ. די ענגלישע אינפאָרמאַציעס וואָס זענען אויפן דיפּלאָמאַטישן וועג איבערגעגעבן געוואָרן קיין מאָסקווע, וועגן וויכטיקע מיליטערישע און סטראַטעגישע אַקציעס פון דייטשן גענעראַל־שטאַב, זענען אין מאָסקווע אויפגענומען געוואָרן מיט פאַרדאַכט. די ענגלישע פּיקציע, צו שיקן אינפאָרמאַציעס צו רעסלערן, זענען אין מאָסקווע אויפגענומען געוואָרן מיט אָנערקענונג. די ענגלישע פּיקציע איז אָנגעגאַנגען ביזן לעצטן טאָג פון דער מלחמה.

די מאַטעריאַלן און פאַקטן זענען גענומען פון דער נאָך־וואָס פאַרעפנטלעכטער אַרבעט „ענינגמא".

וו. יאַבלאָנסקי

---

דער רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג פון אונדזער זשורנאַל ד"ר סערזש ליבערמאַן האָט, צום צווייטן מאָל באַקומען דעם אלען מאַרשאַל פּריז — פאַר אַ נישט פאַרעפנטלעכטן מאַנוסקריפּט פון אַ בוך. אין ביידע פאַלן האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן זאַמלונגען פון דערציילונגען. יעדער פּריז איז ווערט 500 דאָלאַר.

באַגריסן מיר אים האַרציק צו זיין דערפאָלג.

דאָס ערשטע בוך דערציילונגען „אויף זיכערע ברעגן", וואָס האָט באַקומען די מאַרשאַל־אויסצייכענונג אין 1979 — וועט דערשיינען אין סעפּטעמבער 1981.

---

זיין פרוי אָלגאַ. רעסלער האָט זיך באַזעצט אין לוצערן. מיט דער הילף פון זיינע פריינד האָט ער געגריינדעט אַ ביכער פאַרלאַג, און עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביכער פון דייטשע שרייבער־עמיגראַנטן. אַליין אַ פאַרביסענער קעגנער פון נאַציזם, האָט ער אָנגעהאַלטן געהיימע פאַרבינגען מיט אַנטי נאַצי פערזענלעכקייטן אין דייטשלאַנד, פון זיי האָט ער באַקומען בריוו, ציטונגען און געהיימע אויסגאַבן.

רעסלערס אַנאַליטישע אַרטיקלען וועגן נאַצי דייטשלאַנד זענען געווען גוט דאָקומענטירט. די וועלט פּרעסע האָט זיי גערן געדרוקט.

אין יאָר 1937 האָט די נאַצי רעגירונג צוגענומען ביי אים און ביי זיין פרוי די דייטשע בירגערשאַפט.

אין *1939*, ווען די שפּאַנונג אין אייראָפּע איז דערגאַנגען צו מלחמה היסטעריע, און שפּעטער צום איבערפאַל פון נאַצי דייטשלאַנד אויף פּוילן, האָבן רעסלערס פריינד אין שווייצאַריע אים קאָנטאַקטירט מיט דעם שווייצאַרישן געהיים־דינסט, וועלכער האָט אין דער צייט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אויפנעמען און איבערגעבן ידיעות צו די רעגירונגען, וועלכע זענען געווען אין קריגס־צושטאַנד מיט נאַצי דייטשלאַנד.

ווען די נאַציס האָבן, אין 1940, באַזיגט און באַזעצט אַ ריי לענדער אין אייראָפּע, האָט אַ געהיימע שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד, אָנגעהויבן איבערשיקן קיין שווייצאַריע וויכטיקע אינפאָרמאַציעס פון מיליטערישן כאַראַקטער. קיינער האָט אין דער צייט נישט געוווּסט, פון וועמען עס שטאַמען די אינפאָרמאַציעס און ווי אַזוי זיי טרעפן צו רעסלערן. די אַלע ידיעות זענען געווען פון דער שווייצאַרישער געהיים דינסט. ווען די נאַציס האָבן פּלאַנירט דעם איבערפאַל אויף סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט רעסלערס אַ פריינד, וועלכער האָט אים געהאָלפן אויפשטעלן דעם ביכער־פאַרלאַג, פאַרבונדן רעסלערן מיטן סאָוויעטישן געהיים דינסט, אין וועמענס אָנפירונג איז געשטאַנען דער פריער דערמאָנטער סאָוויעטישער אַגענט: ראַדאָ אַלעקסאַנדער.

פון 1941 האָבן סיסטעמאַטיש אָנגעהויבן אָנקומען רעסלערס אינפאָרמאַציעס דורכן ראַדיאָ קיין מאָסקווע. זיי זענען געווען פון גרויס וויכטיקייט. אינטערעסאַנט איז, וואָס רעסלערס אינפאָרמאַציעס אַרויסגעשיקטע קיין מאָסקווע האָבן נישט בלויז געשטאַמט פון מיליטערישע קרייזן אין דייטשלאַנד. ס׳זענען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן ידיעות פון פאַרשידענע שטאַבן אין די באַזעצטע לענדער אין אייראָפּע.

דעם 12־טן נאָוועמבער 1940 איז אָנגעקומען מיט דער באַן פון מאָסקווע קיין בערלין, דער סאָוויעטישער אויסערן מיניסטער מאָלאָטאָוו. ער האָט זיך באַגריסט מיט ריבענטראָפּן און אַנדערע הויכע באַאַמטע פון אויסערן־מיניסטעריום. אין זעלבן אָוונט האָט מאָלאָטאָוו זיך געטראָפן מיט היטלערן. אויף דער טרעפונג איז אַרומגערעדט געוואָרן דער פּלאַן פון פונאַנדערטיילן זיך מיט דער ענגלישער אימפּעריע.

דער צווייטער פּונקט פון דער באַראַטונג איז געווען דער פּאַקט פון די דריי פאַשיסטישע לענדער: דייטשלאַנד יאַפּאַן און איטאַליע. דאָרטן איז פּראָפּאָנירט געוואָרן, אַז סאָוויעט רוסלאַנד זאָל צוטרעטן אַלס די פערטע רעגירונג און איינטיילן די וועלט צווישן זיך.

אַ וואָך שפּעטער האָט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע באַקומען פון סטאַלינען אַ פּאָזיטיוון ענטפער. סטאַלין האָט געשטעלט אויך עטלעכע באַדינגונגען. סאָוויעט רוסלאַנד האָט מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף אַן ענטפער פון היטלערן. אַנשטאָט אַן ענטפער סטאַלינען — האָט היטלער אַרויסגעגעבן זיין גענעראַל שטאַב אַ פאַראָרדענונג צוגרייטן די מלחמה קעגן סאָוויעט רוסלאַנד, געווען איז דאָס דעם 18־טן דעצעמבער 1940. טרעפער און ראַדאָ האָבן באַלד באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן דעם קריגס־פּלאַן „באַרבאַראָסאַ”, ווען די ערשטע אינפאָרמאַציע וועגן אַן איבערפאַל אויף סאָוויעט רוסלאַנד זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָט סטאַלין דערקלערט אַז די אינפאָרמאַציעס זענען פּראָוואָקאַטיווע, און האָט פאַראָרדנט צו באַשטראָפן די, וועלכע שיקן איבער ענגלישע אינפאָרמאַציעס.

שפּעטער זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע אינפאָרמאַציעס וועגן טאָג פון איבערפאַל; די צאָל דיוויזיעס; די טויזנטער עראָפּלאַנען און די צאָל טאַנקען. די אַלע העפטן זענען דורך סטאַלינען געוואָרן געשטראָכן מיט אַ רויטער בלייפעדער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלע אינפאָרמאַציעס זענען געווען נישט נאָר ריכטיקע, נאָר גאָר פּרעציזע. דעם 21־טן יוני 1941 איז נאַצי דייטשלאַנד באַפאַלן סאָוויעט רוסלאַנד און האָבן אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן אויף קיין ווידערשטאַנד, דאַקעגן האָבן די נאַציס אָנגעטראָפן אויף ריזיקע קוואַנטומס פון סטראַטעגישע רוישטאָפן און קריגס־מאַטעריאַלן. מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט האָבן די נאַציס פאַרנומען ריזיקע שטחים, און גענומען אין געפאַנגענשאַפט צענדליקער דיוויזיעס, מיליאָנען זעלנער מיט פולער קריגס אויסשטאַטונג. צווישן זיי — אַ גרויסע צאָל יידן וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרבעטס־שקלאַפן פאַר דער דייטשער קריגס אינדוסטריע. צו די אינפאָרמאַציע צענטערן פון טרעפער און ראַדאָ זענען אָנגעקומען פון מאָסקווע פאַרצווייפלטע רופן וועגן אינפאָרמאַציעס וועגן דער גרויס און שטאַרקייט פון די דייטשע אַרמייען. טרעפער און ראַדאָ האָבן געשיקט אינפאָרמאַציעס אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַדייטונג פאַר דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין איין צוריקציִען. דער סאָוויעטישער גענעראַל שטאַב, אונטער דער אָנפירונג פון „געניאַלן” סטאַלין האָבן נישט אָרגאַניזירט קיין שטיץ־פּונקטן און קיין פאַרטיידיקונגס־ליניע. ערשט ווען ס׳איז אָנגעקומען דער פריציטיקער ווינטער איז דער פאַרויסמאַרש פון די דייטשע דיוויזיעס געוואָרן פאַרלאַנגזאַמט. אַ דאַנק די אינפאָרמאַציעס פון ראַדאָ,

# „די שוואַרצע קאַפּעליע"

וו. יאַבלאָנסקי

ליטער פֿון דער „רויטער קאַפּעליע", וועלכע האָט אָנגעהויבן איר פּאַקטישע טעטיקייט ווען היטלער איז באַפֿאַלן פּוילן, איז געווען לעאָפּאָלד טרעפּער.

די גרעסטע מערהייט פֿון אירע אַקטיוויסטן זענען געווען ייִדן. בלויז אַ קליינע צאָל פֿון זיי איז געבליבן לעבן. מיט טרעפּערס אַרעסט, אין נאָוועמבער 1942 איז פּאַקטיש די טעטיקייט פֿון דער „רויטער קאַפּעליע" געווען פֿאַרענדיקט. די שפּיאָנאַזש צענטראַלע אין מאָסקווע האָט אָבער ווייטער באַקומען וויכטיקע מעלדונגען און ידיעות וועגן דער מיליטערישער פּאָליטישער אוןווירטשאַפֿטלעכער לאַגע פֿון נאַצי דייטשלאַנד. ווער זענען געווען די צושטעלער פֿון די אינפֿאָרמאַציעס און באַריכטן פֿאַרן סאָוויעטישן געהיים דינסט?

אין יאָר 1937 האָט זיך באַזעצט אין דער שווייץ אַ געוויסער אַלעקסאַנדער ראַדאָ — אַ ייִד, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון אונגאַרן. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אונטערנעמונג וועלכע האָט פּראָדוצירט מאַפּעס פֿאַר לערנביכער וועלכע זענען אין דער צייט געווען די בעסטע אין אייראָפּע.

דער מאָסקווער געהיים דינסט האָט ראַדאָן געגעבן ספּעציעלע פֿולמאַכטן אויפֿן פֿאַל, ווען עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה אין אייראָפּע.

דער סאָוויעטישער געהיים אַגענט, האָט געהאַט צו הילף אַ ייִדישע פֿרוי מאַריע האַמבורגער, אַ מאַיאָר אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. די צוויי מענטשן האָבן אויפֿגעבויט אַ נעץ פֿון געהיימע ראַדיאָ פּונקטן, וועלכע האָבן געזאָלט זיין אַ רעזערוו אויפֿן פֿאַל, ווען טרעפּערס שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע וועט ווערן ליקווידירט.

די שנעל אַנטוויקלטע געשעענישן אין אייראָפּע האָבן געצוווּנגען דעם סאָוויעטישן געהיים דינסט צו באַנוצן זיך מיט ראַדאָס שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע, כאָטש זי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פֿאָרמירן.

פֿרילינג 1940 איז טרעפּערס פֿאַרטרעטער אַגענט (סאָקאָלאָוו) געקומען קיין שווייצאַריע, מיט אינסטרוקציעס פֿאַר ראַדאָס געהיימע ראַדיאָ סטאַציעס, ווייל אין דער צייט איז טרעפּערס ראַדיאָ פֿאַרבינדונגען מיט מאָסקווע נישט געווען קיין רעגולערע. נאָך אַ קורצע צייט האָט ראַדאָ אינסטאַלירט דריי געהיימע ראַדיאָ־סטאַציעס: איינע אין זשענעוו און צוויי אין לאָזאַן. אַלע דריי סטאַציעס האָבן אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיטן „דירעקטאָר" גענעראַל איוואַן פּערעסיפּקין אין מאָסקווע. די וועלכע האָבן באַדינט די ראַדיאָ סטאַציעס זענען געווען שווייצאַרישע קאָמוניסטן, און אין ענגלענדער, מיטן נאָמען פֿוטע, אַן אָנטיילנעמער אין שפּאַנישן בירגער־קריג. זיין זון פֿאַרנעמט אַ וויכטיקן אַמט אין דער היינטיקער ענגלישער לייבאָר פּאַרטיי. אַ שווייצאַרישע בירגערין, מאַרגאַרעט באָלע האָט באַדינט אַ ראַדיאָ סטאַציע אין לאָזאַן און גלייכצייטיק איז זי געווען די פֿאַרבינדלערין מיט די דייטשע קאָמוניסטן, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן קיין שווייצאַריע. אין יאָר 1934 איז אָנגעקומען פֿון דייטשלאַנד קיין שווייצאַריע אַ געוויסער רודאָלף רעסלער מיט

---

ביימער, געמאָלן אויף דער ערד און געצייכנט אויף שילדך־פּאַנצערס, כלי־זין. אויך די אייגענע גופים ווערן מיט אים באַצירט אין פֿאַרשיידענע פֿאַרבן. דער טאָטעם איז אַן אָפּשפּרונג־מיטל קעגן רוחות, איז אַ מאַגיש מיטל קעגן חולאתן און ברענגט מזל־וברכה ביים פֿאַרשאַפֿן זיך שפּייז. ווייזט מען אַן אָנגעהעריקן פֿון עמו־טאָטעם די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דאָזיקן פֿויגל, זאָגט ער „דאָס בין איך!". מיטן טאָטעם אידענטיפֿיצירט מען זיך. מיטגלידער פֿון זעלביקן טאָטעם־קלאַן רופֿן זיך „ברידער" און פֿאַרטיידיקן איינער דעם אַנדערן בעת מחלוקתן און געשלעגן.

די אַבאָרידזשינישע דיעטע איז אַמוויציקסטן אַ וועגעטאַרישע. די כמעט מדבר־שטחים פֿון דער צפֿון־טעריטאָריע און פֿון צפֿון־מערב אויסטראַליע, אין וועלכע געגנטן עס לעבן צומייסטנס די אַבאָרידזשינס, איז אַ לאַנד מיט זייער אַן אָרעמער פֿלאָרע. די דאָזיקע געוואַלטיקע שטחים זענען דאָס די צוויי דריטל פֿון אויסטראַליע, וועלכע קריגן ווייניקער פֿון צוואַנציק אינטשעס רעגנפֿאַל אַ יאָר. ממילא ווייסן נישט די איינוווינער פֿון קיין ערד־אַרבעט, פֿי־צוכט און פֿון האָדעווען שטוב־חיות, און אין זייער דערנערונג פֿעלן מילך־פּראָדוקטן, ירקות, מעלוואַרג. זיי שפּינען נישט, וועבן נישט און נייען נישט צוליב די זעלבע סיבות; אין די נעכט און אין קילערע צייטן הילן זיי זייערע נאַקעטע לייבער אין קענגורו־פֿעלן. זיי דערנערן זיך מיט געוויסע ערד־וואָרצלען, ווערעם, שלאַנגען, רעפּטילן (אַלץ פֿאַרצערט רויערהייט) און מיט גרעסערע זייג־חיות און פֿייגל, פֿיש און קראָקאָדילן, וועלכע ווערן פֿאַרשאַפֿט דורך קאָלעקטיוון יאָגד. זיי באַנוצן זיך נישט מיט קיין כלים: די פֿליישן בראָטן זיי אויף אָפֿענעם פֿייער. די וואָפֿן און יאָגד־מכשירים זענען פֿון האָלץ און פֿון שטיין. יאָגד העלפֿט אויך מיט דער דינגאָ, דער אויסטראַלישער הונט, וואָס איז די איינציקע פֿלייש־פֿרעסערישע זייג־חיה אויפֿן קאָנטינענט.

היות זיי פֿירן נישט קיין שום „באַלעבאַטישקייט", איז נישטאָ ביי זיי קיין אָנגעגרייטע זאַפּאַסן אויף שפּעטער. מען רוט און מען ווילט זיך בעת דער מאָגן איז פֿול; מען גייט אויף יאָגד און מען שיקט אַרויס פֿרויען און קינדער נאָך לייכטערע שפּייז, ווען מען איז הונגעריק. אין די טרוקענע און הייסע וויסטעניש, וווּ דער ווייסער מענטש וואָלט זיכער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, מאַכט דער אַבאָרידזשין אַ גוט לעבן און ווייס נישט פֿון קיין נויט. אין כלומרשט טויטן מדבר ווייסט ער נאָכצושפּירן די באַוועגונגען פֿון אויסווייכנדיקע באַשעפֿענישן לויט קוים זעבאַרע סימנים. מיט לייכטקייט פֿאַנגט ער זיי און מאַכט זיי פֿאַרן קנין פֿון שבת. קיינער דערנערט זיך נישט בעסער פֿון צווייטן. מען עסט גלייך און מען הונגערט גלייך.

א טיפּישע ענלעכקייט, זענען אָבער די פּאָר הונדערט שבטים לגמרי פֿאַרשידנאַרטיק אין זייערע שפּראַכן, ביז צום פֿולשטענדיקן נישט־פֿאַרשטיק זיך. לינגוויסטיש זענען די אַלע לשונות זייער אָרעם. דער צאָל־צייכן ביים אויסטראַלישן אַבאָריגינישן דערגייט ביז דריי, מאַקסימום ביז פיר. פֿאַר פֿינף האָבן זיי אַ וואָרט וואָס מיינט „אַ סך". די מאַאָריס פֿון ניי זעלאַנד, דאַקעגן, קענען ציילן ביז אין די טויזנטער.

די אַבאָריגינעס זענען נישט טיף־שוואַרץ. זייער הויט איז שאָקאָלאַד־ברוינלעך. (און לויט בלוט־פּרוון ווערן זיי קלאַסיפֿיצירט צו דער קאַווקאַזישער ראַסע). זיי האָבן געקרייזלטע האָר, גרויסע מיילער, ברייטע, פּיגנ־מענטירטע נעז און אַריינגעצויגענע שטערנס. די זענען אַ ביסל נידעריקער אין וווקס פֿון דורכשניטלעכן ווייסן אויסטראַליער. בדרך כלל זענען זיי פּראָפּאָרציאָנעל געבויט, שלאַנק און געשיקט אין זייערע באַוועגונגען. עס איז צום שטוינען, אָבער צווישן די ריינבלוטיקע אַבאָריגינעס געפֿינען זיך נישט זעלטן בלאָנדהאָריקע.

## זייער צאָל, שבטים

עס ווערט אָפּגעשאַצט, אַז ביים אַנטדעקן אויסטראַליע האָט די צאָל אַבאָריגינעס דערגרייכט קרוב צו דריי הונדערט טויזנט. אין 1788, ווען די ווייסע באַפֿעלקערונג האָט באַטראָפֿן ווינציקער פֿון (איין) טויזנט נפֿשות, איז די צאָל פֿון די שוואַרצע געווען אַרום אַ פֿערטל מיליאָן. אין יאָר 1900, ביים פֿאַראייניקן די באַזונדערע אויסטראַלישע שטאַטן, איז די ווייסע באַפֿעלקערונג איבערגעשטיגן די ציפֿער דריי מיליאָן; די צאָל אַבאָריגינעס האָט דעמאָלט געהאַט אַראָפּגעזונקען ביז אונטער די פֿופֿציק טויזנט. ערשט אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר וואַקסט זייער צאָל צו ביסלעך. דאָס קומט אין רעזולטאַט פֿון אַ געוויסער שוץ מצד דער רעגירונג און אויך מצד רעליגיעזע מיסיעס. זיי ווערן געהאַלטן אין אָפּגעשלאָסענע רעזערוואַטן און ווערן צוגעוווינט צו ערד־אַרבעט און פֿי־צוכט. פֿון דער אַנדערער זייט זענען לגבי זיי איינגעפֿירט געוואָרן אַ ריי „שוץ"־באַגרענעצונגען, וואָס האָבן אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף זיי. עס וועט שפּעטער אויסקומען וועגן דעם צו רעדן.

דאָס פֿאַרשווינדן פֿון די אַבאָריגינעס איז אַ פּועל יוצא אי פֿון זייער נישט קענען זיך צופּאַסן צו די געשאַפֿענע באַדינגונגען דורך די נייע באַלעבאַטים, אי פֿון דער ברוטאַלער באַהאַנדלונג מצד די לעצטע.

ווי אין מערסטנס ניי־אַנטדעקטע לענדער איז אויך דער אויסטראַלישער ישוב אין ערשטן פּעריאָד פֿון זיין פֿאַרנעמען און פֿאַרכאַפּן דאָס לאַנד געווען ריקזיכטסלאָז, האַרט און אומברחמנותדיק לגבי די אַלט־איינגעזעסענע. די קאָלאָניע האָט זיך געבויט אונטערן שאָטן פֿון אומרעכט און גרויזאַמקייט. כל דאלים — גבר. קיין שום געזעץ האָט די שוואַרצע נישט געשיצט. איז אין דער מאָס ווי עס איז געוואַקסן אין צאָל און אין וווילשטאַנד די ווייסע באַפֿעלקערונג, איז די צאָל פֿון די שוואַרצע געוואָרן קלענער און קלענער. ווי געזאָגט, בייט זיך איצט די לאַגע צום בעסערן. הייַנט צו טאָג רעכנט מען, אַז אין אויסטראַליע לעבן אַן ערך פֿופֿציק טויזנט פֿולבלוטיקע אַבאָריגינעס און ביי פֿינף און צוואַנציק טויזנט מישלינגס (האַלבֿ־קאַסטס).

די גאַנצע אַבאָריגינישע באַפֿעלקערונג לעבט שבטימוויז. עס זענען פֿאַראַן אַרום פֿינף הונדערט מיט באַזונדערע שפּראַכן און פֿאַרשידנאַרטיקע מנהגים און לעבנס־שטייגערס, אָפּהענגיק פֿון די געגנטן אין וועלכע זיי לעבן. די דאָזיקע פֿאַרשידנאַרטיקייט מאַכט אוממעגלעך אַנצווייזן וואָס איז טיפּיש אַבאָריגיניש. נישט אַלע נוצן דעם בומעראַנג, די ווומעראַ, אָדער די שפּיז ווי אַ וואָפֿן. נישט אַלע האָבן די זעלבע „מוזיק"־אינסטרומענטן. אונ־דזערע ווייטערדיקע באַשרייבונגען זענען דעריבער כאַ־ראַקטעריסטיש בלויז פֿאַר אַ טייל שבטים, בעת פֿאַר אַנדערע — נישט. פֿאַרשידענע פֿאַכלייט אויפֿן געביט פֿון אַבאָריגינישן־פֿאָרשונג אָנערקענען, אַז דאָס אומאויס־געפֿאָרשטע וועט נאָך אַריבער.

## לעבנס־פֿאָרמען, מנהגים, געזעצן

ס׳וועט זיין נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז די אַבאָריגינעס פֿאַרמאָגן נישט קיין אייגענע קולטור. אין זייער ווערטן, קומט דאָך צום אויסדרוק אַ געוויסע קולטור־פּרימיטיווקייט, ביים מאַנגל פֿון רעליגיעזע און עטישע פֿאָרם אין אייגנאַרטיקע שבט־געזעצן, זיטן, אַבערגלויבענישן און ריטואַל. מאָדערנע טאַנץ־ און מוזיק־אויטאָריטעטן געפֿינען אַ קוואַל פֿון שעפֿערישער יניקה אין די קאָלעקטיווע געזאַנג און טאַנץ־צערעמאָניעס וואָס רופֿן זיך „קאָראָבערי" (מיטן אַקצענט אויף דער צווייטער „אָ") און אין די ריטמישע קלאַנגען וואָס קומען פֿון בלאָזן אין אַן אויסגעהוילטן בוים־שטאַם, פֿון דעם טרומייט „דידזשע־רידו". זיי געפֿינען אַפֿילו דיסציפּלינירטן ריטם און האַר־מאָניע אין די קולות בעתן קלאַפּן און גרעגערן אויפֿן „אינסטרומענט", וואָס באַשטייט פֿון צונויפֿגעבונדענע דרענגלעך. די וואָס האָבן בייגעוווינט די דאָזיקע אויספֿי־רונגען זענען מעיד, אַז די אייגנאַרטיקע מוזיק רופֿט אַרויס ביי די באַטייליקטע דעם געהעריקן געמיט־צושטאַנד וואָס פֿאָדערט זיך ביי דער הייליקער עבֿודה פֿון פֿאַרטרייבן בייזע רוחות.

נישט האָבנדיק קיין רעליגיע לויט אונדזערע באַ־גריפֿן, און נישט קיין גייסטלעכע, האָבן זיי אָבער קולטן, אַבערגלויבנס און עלטסטע, וועלכע זענען די פֿאַרבינדלער צווישן די געהיימע כּוחות און דעם שבט. גייסטער, גלגולים, שדים זענען אַ באַשטאַנדטייל פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן. עס ווערט מגולגל נישט בלויז מענטש־גייסט אין אַ מענטש, נאָר אַלץ ווערט אויסגעמישט, דהיינו, די גייסטער פֿון מענטשן, בעלי־חי, געוויקסן און דוממים קענען רעאינ־קאַרנירט ווערן איינס אין ס׳אַנדערע. דאָס קומט צום אויס־דרוק אין די טאָטעמס פֿון יעדן באַזונדערן שבט. דער טאָטעם ווערט געקריצט אויף סקאַלעס, געקאַרבט אין

# די שוואַרצע אויסטראַליער

ב. וואַרשאַווסקי

בונעם וואַרשאַווסקי ע"ה איז געווען „קדימה"־סעקרעטאַר, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (געקומען קיין אויסטראַליע אין 1939). ער איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון צווייטן אַלמאַנאַך.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 70 יאָריקן יובל פון „קדימה" דערמאַנען מיר אים, דורך פאַרעפנטלעכן אַ פראַגמענט פון זיינס א גרעסערער אַרבעט. רעדאַקציע

## ערשטע באַגעגעניש

די אור־באַוווינער פון אויסטראַלישן קאָנטינענט זענען די „אַבאָרידזשינס", קאַפּיטאַן דזשעימס קוק איז אָנגעקומען מיט זיין עקספּעדיציע צו די מזרח־ברעגעס פון אויסטראַליע דעם 20־טן אַפּריל 1770. די ערשטע מענטשן, וועלכע ער האָט דאָ באַגעגנט, האָבן זיכער געמאַכט אויף אים אַן אומהיימלעכן איינדרוק: זייערע שוואַרצע, נאַקעטע גופים זענען געווען געשטרייפט אין רויטע, גרינע, געלע פאַסן, און זייערע קעפּ זענען געווען אַרומגענומען מיט געדיכטע קנוילן געקרייזלטע האָר.

ווען די 370־טאָניקע עקספּעדיציע־שיף „ענדעוואָור" („באַשטרעבונג") האָט מיט געקלימפּער און געטומל פאַרוואָרפן איר אַנקער, האָבן די שוואַרצע נישט איבערגעריסן זייער פלייש־בראָטן ביים אָפענעם פייער אויפן ברעג פון ים. ערשט ווען אַ פּאָר פון דער מאַנשאַפט זענען אַראָפּ אויף דער יבשה, האָבן די שוואַרצע גענומען מאַכן צו זיי צייכנס: דאָס האָט געקענט מיינען אַ וואָרענונג זיך נישט צו דערנענטערן צו פיל. ווען דאָס האָט נישט געהאָט קיין פּעולה, האָבן די שוואַרצע גענומען שלידערן צו די אומגעבעטענע געסט זייערע לאַנגע הילצערנע שפּיזן, זייערע האַקנדיקע „ווימעראַס" און שופר־פאָרמיקע „בומעראַנגס". די לעצטע קומען בדרך כלל צוריק צום וואַרפער, נאָכן אָפּטאָן אויפן וועג זייער אייגנאַרטיקע שליחות: אָפּטיילן דעם אָנגעגריפענעמס קאָפּ פון זיין גוף.

די מענטשן פון דער „ענדעוואָור" האָבן אויף אַזאַ קבלת־פּנים געענטפערט מיט שרויט פון זייערע ביקסן. אַזוי ווערט דערציילט וועגן דער ערשטער באַגעגעניש פון די ווייסע מיט די אויסטראַלישע אַבאָרידזשינס.

די אויסטראַלישע אַבאָרידזשינס האָבן אַרויסגעוויזן מער אומדערשראָקנקייט לגבי די ווייסע אַריינדרינגלער, ווי די אַמעריקאַנער אינדיאַנער. די לעצטע האָבן דערזען אין קאָלומבוסן מיט זיינע מענטשן עפּעס איבערנאַטירלעכע באַשעפענישן און באַקומען קאַנווולסיעס ביים ערשטן אָפּהילך פון אַ ביקסן־שאָס.

די אויסטראַלישע שוואַרצע זענען געבליבן אומפריינדלעך לגבי די ווייסע ביזן היינטיקן טאָג.

## אָפּשטאַם און אויסזען

צווישן פאַכלייט גייט נאָך אַלץ אַ שקלא וטריא וועגן אָפּשטאַם פון די אַבאָרידזשינס. עס איז פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן נישט קיין שום שייכות — אַנטראָפּאָלאָגיש, עטניש, שפּראַכלעך אָדער לויט זיטן און מנהגים — מיט זייערע נאָענטסטע שוואַרצע שכנים פון ניי־גווינעאַ (ניו גיני), אָדער פון די פּאָלינעזישע אינדזלען, וועלכע לעבן פון ערד־אַרבעט און וווינען אין הייזער און געצעלטן. פאַר די פיל־פּרימיטיווערע אויסטראַלישע אַבאָרידזשינס זענען ביידע זאַכן אַבסאָלוט פרעמד.

די אַבאָרידזשינישע לעגענדעס און זייער פאָלקלאָר זענען וועגן אינערלעכע וואַנדערונגען פון זייערע פילצאָליקע שבטים. עס איז אָבער נישט פאַראַן אין זיי דער מינדסטער אַפילו אָנדייט מכוח זייער אָנקום קיין אויסטראַליע.

א. פּ. עלקין, פּראָפעסאָר פון אַנטראָפּאָלאָגיע אין סידנעיער אוניווערסיטעט, ווייזט אָן אין זיין בוך „אויסטראַליען אַבאָרידזשיניז", אויף דרום־אינדיע און אויף צעילאָן ווי אויפן וויגל פון די אויסטראַלישע שוואַרצע. ער שטיצט זיך דערויף, וואָס די דאָרטיקע בערג־שבטים קענען אויך, צוזאַמען מיט די אויסטראַלישע אַבאָרידזשינס, קלאַסיפיצירט ווערן אַלס אַסטראַלאידן.

אָבער דאָס זענען בלויז טעאָרעטישע השערות. גענוי ווייסט מען נישט, אפילו לפי־ערך־דיק, ווען די אַבאָרידזשינעס זענען אָנגעקומען קיין אויסטראַליע. ס'איז רעכט אַפילו מיט פופצן, אָדער פינף און צוואַנציק טויזנט יאָר צוריק. און געקומען זאָלן זיי האָבן מיט אַ יבשה־וועג, וואָס האָט נאָך אין יענע צייטן פאַראייניקט ניי־גווינעאַ און צעילאָן מיטן איצטיקן אויסטראַלישן אינדזל־קאָנטינענט.

הגם לויטן אויסזען האָבן די אַבאָרידזשינס צווישן זיך

דאָס גרויסאַרטיקע פּרעכטיקע קונסט־ווערק — דעם טעמפּל פון דער געטין אַרטעמידאַ. 6)

### הערות

1) פראנסיס בעקאן (1626—1561) אן אנגעזעענער ענגלישער פילאסאף־מאטעריאליסט. לויט דער כאראקטעריסטיק פון מארקסן, איז בעקאן דער גרונטלייגער פון ענגלישן מאטעריאליזם און איבערהויפט פון פינקטלעכע וויסנשאפטן פון דער נייסטער צייט.

2) אריסטאטעל — דער גרויסער אלטגריכישער פילאסאף פון דער אנטיקער שקלאפן־באזיצערישער געזעלשאפט. לויט דער כאראקטעריסטיק פון ענגעלסן איז ער „דער סאמע אלבאגרייפנדיקער קאפ" צווישן די אוראלטע גריכישע פילאסאפן, אריסטאטעלס ווערק שליסן איין אלע געביטן פון וויסנשאפט פון יענער צייט: לאגיק, פסיכאלאגיע, נאטורוויסנשאפט, געשיכטע, פאליטיק, עטיק; עסטעטיק (די גרויסע סאוויעטישע ענציקלאפעדיע 1950, 3־טער באנד, זייט 6, 2־טע אויסגאבע).

3) פיאדאר אונלאוו — „א מענטש צווישן מענטשן", פארלאג „מאלאדאיא גוואַרדיא" 1978, ז' 40.

4) וואלטער — איינער פון די אנגעזעענסטע פראנצויזישע אויפקלערער פון 18טן י.ה., פילאסאף, שרייבער.

5) א. נ. מיכיילאוו — אי. א. בונין פארלאג „נאוקא", מאסקווע 1967, ז' 172.

6) אין גריכישער מיטאלאגיע — אפאלאנס שוועסטער, די הייליקע בתולה, די געטין פן דער לבנה, באשיצערין פון חיות.

אומגעהייער רייך מיט די פערל פון פאָלקס־קוואַל זענען די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער: מענדעלע, שלום עליכם. די שפּריכווערטער, אַפאָריזמען זענען אַ מין ענציקלאָפּעדיע פון לעבן.

דער גרויסער דייטשער פּאָעט און דענקער יאָהאַן וואָלפ־גאַנג געטע (1749—1832) האָט געהאַלטן, אַז: „יעדן טאָג דאַרף מען אויסהערן כאָטש איין לידעלע; זען אַ גוט בילד און, אויב ס׳איז מעגלעך — איבערלייענען כאָטש אַ וועלכן ס׳איז קלוגשאַפטלעכן אַפאָריזם״.

עס זענען דאָ שפּריכווערטער, אַפאָריזמען, וואָס — נישט קוקנדיק אויף זייער טיפן גרייז־גרויען עלטער, קלינגען זיי נאָך היינטצייטיק פריש און אַקטועל. דאָס זע־נען — קען מען זאָגן — אייביקע, אומשטרייטבאַרע סענ־טענצן. בער האַלפּערן האָט אין זיין רעצענזיע אויף מאַרק ראַזומניס בוך (פאָלקס־שטימע 18־80) געשריבן:

„מאַרק ראַזומני [האָט] איינגעזאַפּט שוין אין זיין קינד־הייט... די מאָראַלישע פּאָסטולאַטן פון חז״ל, פון משלי, פון פּרקי אָבות און תלמוד, וואָס דריקן אויס — איינגע־הילט אין אַ טעאָלאָגישן שאָלעכץ — עטיק, מידות טובות און מענטשן־ליבע. דאָס הייסט קאַטעגאָריעס וואָס האָבן אַן אייביקן ווערט״. למשל: אם אין אני לי, מי לי? אם אני רק לעצמי — מה אני? (אויב איך זאָרג זיך נישט פאַר זיך, איז ווער? אָבער — אויב איך טראַכט נאָר וועגן זיך, איז ווער בין איך?); „איזהו גבור הכובש את יצרו. (אַ העלד איז דער, וואָס קאָן זיך באַהערשן); שכר מצוה — מצוה״ (די באַלוינונג פאַר דער מצוה — איז די מצוה אליין); „יהללוך זר ולא פיך״ (זאָלן דיך לויבן אַנדערע, אָבער נישט דו אַליין).

„באַוועגונג איז לעבן״; „איינער פאַר אַלע — אַלע פאַר איינעם״; „אויב דו ווילסט לעבן פאַר זיך — לעב פאַר אַנדערע״ (סענעקאַ).

דער מעדיקער, אַקאַדעמיקער פיאָדאָר אוגלאָוו 3) האַלט, אַז אַ שפּריכוואָרט קען אפילו האָבן אַ וויסנשאַפטלעכן באַדייט. אַלס ביישפּיל ברענגט ער דאָס רוסישע שפּריכ־וואָרט: „דער פּרימאַרגן איז קלוגשאַפטלעכער פונעם אָוונט״. קוים שלאָפט זיך אַ מענטש גוט אויס, קוקט ער גאָר מיט אַנדערע אויגן אויף דעם, וואָס פון אָוונט האָט זיך אים געדוכט, אַז עס איז אַן אומגעריכטער אומגליק. די אָפּגערוטע נערוון־סיסטעם רעאַגירט ריכטיקער אויף דער זעלבער אָנרעגונג״. די באַהויפּטונג אַנטשפּרעכט אויך דעם יידישן ווערטל; „קלוג — ווי דער טאָג״.

דאָס רוסישע פאָלק איז באַוווּסט מיט זיין גוטמוטי־קייט, מיט זיין ברייטער נאַטור. אים איז אייגנטימלעך דער עטיקעט פון גאַסטפריינדלעכקייט. אַ סך שפּריכווערטער באַשטעטיקן און כאַראַקטעריזירן הומאַניזם, ווי א נאָרמע פון צווישנבאַציאונג פון מענטשן: „אַ שיינעם גאַסט — דאָס בעסטע אָרט״; „פאַר אַ טייערן גאַסט — עפן טיר און טויער״. אַן אומדערוואַרטער גאַסט איז בעסער ווי צוויי דערוואַרטע״. איז ווי קומט עס אַזאַ שרייענדיק שאָוווי־ניסטיש שפּריכוואָרט ווי „אַן אומגעבעטענער גאַסט איז ערגער פון אַ טאַטער?״

ווי ס׳שיינט, שטאַמט דאָס שפּריכוואָרט פון 13־15טן י. ה. ווען די באַנדיטיש־רויבערישע מאָנגאָלאָ־טאַטערישע האָרדעס האָבן פאַרפלייצט רוסלאַנד.

„וועגן טויטע — אָדער גוטס, אָדער גאָרנישט״ (לאַטיי־נישער שפּריכוואָרט). געוויינלעך האָבן מיר רעספּעקט, נייגן טיף די קעפּ, האַלטן פון דער טראַדיציע, אָפּגעבן כבוד די פאַרשטאָרבענע. עס שווימען ארויס די מעלות, וואָס פאַרשטעלן זייערע חסרונות, באַזונדערס, ווען דער מת איז געווען אַן אָנגעזעענער, חשובער מענטש. „וועגן אַ גרויסן מענטשן אורטיילן מיר לויט זיינע מעשים און ניט לויט זיינע חסרונות״ — האַלט וואָלטער. 4)

עס איז ניט צו באַרעכטיקן, עס רופט ארויס אַ ווידער־געפיל די באַציאונג צו פאַרשטאָרבענע, פונעם גרויסן, טאַלאַנטפולן רוסישן שרייבער איוואַן בונין (1870—1953). די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען קראַנק, אָרעם, פאַרביטערט. פאַר קיינעם קיין גוט וואָרט נישט געהאַט. קיינעם — ניט לעבעדיקע און ניט טויטע געאורטיילט צום גוטן, קיינעם נישט לכף זכות, נאָר לכף חוב. די רוסישע דיכטערין אַדאַיעווצעוואַ דערציילט וועגן איר באַ־געגעניש מיט אים: „ער האָט קיינעם נישט געשאַנעוועט, פלעגט אָפּשפּאָטן פון לעבעדיקע און טויטע אלצאיינס אומ־ברחמנותדיק. איינמאָל האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעשריען:

— איוואַן אַלעקסייעוויטש, גאָט איז מיט אייך, ער איז דאָך אַ מת!

בונין האָט מיט פאַראַכטונג אַ קנייטש געטאָן מיטן אַקסל: אַ מת? דערלויבט פרעגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ ראַנג?״ 5)

דער טאַלאַנטפולער דיכטער חיים ביידער האָט געוויד־מעט אַ ליד אָט דעם שפּריכוואָרט, וואָס מען שרייבט צו דעם אוראַלטן פילאָסאָף, דעם גריך סאָלאָן (7־6 י. ה. ביז אונדזער צייט־רעכענונג).

אַזוי פירט זיך פון לאַנגאַן
און האַלטסט זיך ביי די מידות יענע
וואָס איינגעשטעלט האָט נאָך סאָלאָן
„דע מאָרטויס ניל ניסי בענע״.

פון דעמלט אָן און ביז אצינד
איז גילטיק דער פאַרבאָט: „מע טאָר ניט!
די טויטע טאַדלען איז אַ זינד״.

(סאָוו. היימלאַנד 6—1979)

דאָס ליד איז אַ וויל־קלינגענדיקע, אַזאַ זוניק לויטערע, באַהעלט מיט אַ לירישן הומאָר. דאָס שפּריכוואָרט איז אָבער אַלס איינס נישט קיין אומשטרייטבאַרע סענטענץ.

צי קען מען וועגן אַלע טויטע זאָגן: „אחרי מות קדו־שים״? די מענטשהייט קאָן נאָר מיט באַדויערן, פאַרדרוס און צאָרן דערמאָנען דעם רודף כבוד׳ניק העראָסטראַטן, וועלכער האָט אין יאָר 356 (ביז אונדזער ערא) כדי ווערן באַרימט, כדי פאַראייביקן זיין „הייליקן נאָמען״, פאַרברענט

ל. ש.

# שפּריכווערטער און אַפּאָריזמען

דער מחבר פון דעם דאָזיקן פראַגמענט, וווינט אין אַ גרויסער שטאָט, אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אין די פאַרגאַנגענע יאָרן איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין אַ סאָוויעטישער הויכשול פאַר קונסט. די אַרבעט האָט אונדז איבערגעגעבן אַן אָנגעזעענער „קדימה״־טוער. עס איז פאַרדראָסיק וואָס מיר קענען נישט פאַרעפנטלעכן די גאַנצע אינטערעסאַנטע אַרבעט, צוליב מאַנגל אין אָרט.

רעדאַקציע

שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, אַפּאָריזמען — אַן אוצר פון פאָלקס־חכמה. קורץ, געפּרעסט, זאַכלעך. קלוג און שאַרפזיניק באַהאַנדלען זיי אַקטועלסטע לעבנס־ענינים; גיבן אַ פאַרשטעלונג און כאַראַקטעריזירן דעם לעבן פון אַ פאָלק; זיין אַרט דענקען, זיין לעבנס־דערפאַרונג. באַזונדערס באַלערעוודיק זאָגט מ. גאָרקי — איז די עקאָנאָמיע, די וואָרט־געפּרעסטקייט און בילדערישקייט.

„די געניאַלקייט, דער גייסט, דער פאָלקס־כאַראַקטער אַנטפּלעקט זיך אין זיינע שפּריכווערטער״ באַהויפּטעט דער ענגלישער פילאָסאָף פרענסיס בעקאָן 1) „אָן אַ פונדאַמענט בויט זיך נישט קיין הויז. אָן אַ שפּריכוואָרט, קלעפּט זיך נישט קיין רייד״ — ווערט ארויסגעבראַכט פונעם פאָלקס־מויל.

דער דאָזיקער זשאַנער איז אייגנטימלעך; ווערט ברייט אָנגעווענדט, איז באַליבט ביי די פאַרשיידנסטע שיכטן פון פאָלק.

ש. האַלקין שרייבט אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע״. קיין מאַיאָנטקעס, פעלדער און וועלדער האָבן זיינע עלטערן ניט פאַרמאָגט. די איינציקע ירושה וואָס איז פאַרבליבן פון זיידעס און עלטער־זיידעס איז געווען: „שיינער ניגון, אַ גוטער נאָמען און אַ טיפזיניקער מוסר - השכלדיקער שפּריכוואָרט, וואָס איז אין דער משפחה איבערגעגאַנגען פון דור צו דור״.

דער דאָזיקער זשאַנער איז גרינטלעך פאַרוואָרצלט נאָך אין דער גרייז־גרויער פאַרגאַנגענהייט. נאָך אין טיפן אַלטערטום האָבן די קולטורעלע פעלקער פאַרשריבן זייערע שפּריכווערטער און געדאַנקען, ווי למשל די ספרים: קהלת, פּרקי אבות.

עס איז אויך באַוווּסט, אַז די גריכישע און רוימישע געלערנטע פלעגן פאַרשרייבן זייערע שפּריכווערטער.

„אַ שפּריכוואָרט איז אַ ברוכשטיק, וואָס האָט זיך פאַרהיט פון דער אוראַלטער פילאָסאָפיע״ — האָט באַהויפּטעט אַריסטאָטעל 2)

פאַר אַ גרויסן מייסטער פון דעם זשאַנער האָט זיך אין מיטלאַלטער גערעכנט דער האָלענדישער הומאַניסט און פאָרשטייער פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, דער זאַמלער פון דער דאָזיקן פאָלקס־אצור, דער אויטאָר פון דעם אומשטערבלעכן בוך: „אַ לויב דער טיפּשות״ — עראַזם פון ראָטערדאַם (1469—1536). פאַר זיינע מיטצייטלער איז זיין יעדעס ווערק געווען אַ וויכטיקע דערשיינונג אין קולטורלען לעבן פון אייראָפּע.

איין שפּריכוואָרט איז דאָ כדי צו פאַרצייכענען: „עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז אַ שוטה, אין זיין אומפאַרנונפטיקייט, קען אַ שאַרף וואָרט ארויסברענגען„.

דער וועלט־באַוווּסטער, מיטלאַלטערלעכער שפּאַנישער שרייבער מיגעל סערוואַנטעס (1547—1616) איז אויך, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען אַן אויטאָר פון פיל ביכער, האָט אים באַרימט געמאַכט איין בוך — זיין עפּאָכאַל הויפּטווערק: „דאָן קיכאָט״. דאָס בוך איז אָנגעפּיקעוועט, באַצירט מיט שפּריכווערטער און ווערטלעך פונעם פאָלקס־אוצר. אייניקע פון זיי וועל איך דאָ ברענגען: „אַ קו וואָס בוקעט זיך (שטויסט זיך) גיט גאָט נישט קיין הערנער״. אַ גרונטלאָזער געלערנטער איז אַ סימן פון אַ באַגרענעצן שכל״.

אינטערעסאַנט איז דער אינטערנאַציאָנאַלער איבעררוף פון דער סעמאַנטיק פון שפּריכווערטער. די דערשיינונג איז שטאַרק פאַרשפּרייט. צום ביישפּיל: „אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ פליג, און שטאַרקער פון אייזן (יידיש); אַ מענטש איז שטאַרקער פון אַ שטיין און צאַרטער פון אַ בלום (אַפגאַניש). ביימער שאַצט מען אָפּ לויט זייער פרוכט. מענטשן — לויט זייער אַרבעט (רוסיש). גאָלד ווערט אָפּגעשאַצט אין פייער—אַ מענטש—אין אַרבעט (אוזבעקיש).

---

(סוף פון זייט 14)

גענומען, ביי די פייניקער און די געפּייניקטע, די פאַרשנטע אינסטינקטן פון דעם מענטשס ווייטן עבר.

צוויי „גרויסע״ דיקטאַטורן (חוץ דיקטאַטורן־ליליפּוטן אָבער גרויס אין אכזריות), האָבן אויפגעלעבט שקלאַפעריי, דעם געזעלשאַפטלעכן געשפּענסט פון טויזנטער יאָרן צוריק. גוט איז געשען וואָס די מאָראַליש און פיזיש פאַרוווּנדעטע מענטשהייט האָט טיילווייז אָפּגעשאָקלט זיך דערפון. שפּורן פון דעם מאָנסטרועזן געשפּענסט זענען ביזן היינטיקן טאָג געבליבן, אונטער פאַרשידענע פאָרמען, אין אַ טייל פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

ליטעראַטור, אין פאַרשידענע פאָרמען, און אַזוי אויך קונסט, באַגלייטן דעם קולטור־וועג פון מענטש. אַלע קאָמפּאָנענטן: מענטש, ליטעראַטור, קונסט זענען אַרויסגעוואַקסן פונעם פּרימיטיוו, און זענען דורך לייטערונגס־פּראָצעסן דערגאַנגען צום ערלעכסטן, ראַיעלסטן אויסדרוק, צו קלאַסיציזם.

צייטן בייטן זיך און די אויסדרוק־פאָרמען האָבן זיך אויך געביטן. אָבער אין אַלע אומוואַנדלונגען, אין אַלע „איזמען״ בלייבט דאָך די עסענץ, דאָס תוכיקע. שעקספּיר, מייקל אַנדזשעלאָ און בעטהאָווען זענען נאָך ווייט פון זיין טויט.

עס בלייבט צו האָפן, אַז אויך דער „האָמאָ סאַפּיענס״ וועט צוערשט דערגרייכן צום ניוואָ פון אַן עטיש־מאָראַלישן „קלאַסיציזם״ איידער ער וועט ווערן ראוי צו זוכן אַנדערשקייט אין די עליות פון גייסט אין דער צוקונפט.

יעקב ראָזענבערג

# אַזאַ קאָרטן שפּיל...

דער טאָג מיט דער נאַכט,
האָט אַ קערטל געמאַכט.
אויפן טיש האָט גערויטלט דער ווײַן.
דער טאָג האָט אין קאָן
די זון אײַנגעשטעלט,
די נאַכט — איר שוואַרצן געביין.

אַוועק איז אַ שפּיל
שאַרף אָן אַ וואָרט,
חלילה פאַראַטן די האַנט.
געפאַלן אויפן טיש איז אַ קאָרט
נאָך אַ קאָרט,
אַ קאָרט פון שעהן געוואַנט...

אַזוי אָפּגעשפּילט האָט אַ טאָג
מיט אַ נאַכט
ווי ס׳פּאַסט פאַר קאָרטאָווניקעס צוויי —
די נאַכט איז אַ מידע שלאָפן אַוועק,
ווען האָן האָט געגעבן אַ קריי...

דער טאָג איז אַוועק,
זײַן אייביקן וועג
צום לעבן פון גרויסן יאַריד.
פאַרויס פליט די זון
איף אַ ליכטיקן שטראַל,
געשפּאַנט אין אַ גאָלדענעם ליד.

דער טאָג מיט דער נאַכט,
האָט אַ קערטל געמאַכט,
אויפן טיש האָט גערויטלט דער ווײַן.
דער טאָג האָט אין קאָרטן
זײַן לעבן פאַרשפּילט,
די נאַכט — איר שוואַרצן געביין...

# לטובה דער נאַרישער ציג...

אינדרויסן מרוזשעט די אויגן דער טאָג,
די זון אויפן הימל פאַרגייט.
אָט שווימט זי אַוועק איף אַ גאָלדענער שיף,
אין ברוין בורשטינענעם קלייד.

דער טאָג ווערט אַ זקן און שלײַכט זיך אַוועק,
דער זייגער שעפּטשעט ס׳ווערט שפּעט,
באַלד ציט ער אויס זײַנע קאַפּיטעס
ביי אים... אין ליכטיקן בעט.

דאָרט וואַרט שוין אַ מלאך
דאָס איז דאָך באַשטימט,
אין ווייס געקראָכמאַלטן קלייד.
ער נייגט זיך מיט ערע טיף פאַרן טאָג,
און שמייכלט מיט שעלמישער פרייד.

דער מלאך איז גרייט,
און גרייט איז די וויג,
אַ זמרל בלעקעצט ווער סתם,
אַזוי בענקט איר ניגון אַ נאַרישע ציג,
מיט אויגן בלוי ווי אַ תם.

דער טאָג איז אַוועק; נאָר האָט ניט קיין שרעק,
פרימאָרגן קומט ער צוריק,
דאָס טוט ער להכעיס דער פינצטערער נאַכט,
לטובה דער נאַרישער ציג...

# אַ וואַלד פון גיגאַנטן

אַ וואַלד,
פון ביימער גיגאַנטן,
מיט גרינע
צעשויבערטע קעפּ,
סודלט זיך, סודלט זיך, סודלט,
מיט אַ ווינט,
וואָס געקומען פון סטעפּ.

דער וואַלד
וויל דווקא נאָר וויסן,
פון ווינט
וואָס ווייסט אַלע וועגן,
צי האָט ער אַמאָל נישט געטראָפן
אַ וואַלקן וואָס בלאָנדזשעט
מיט רעגן?

צי האָט ער אַמאָל
נישט געטראָפן,
אַ וואָלקן,
אַ וואָגלער אַליין,
וואָס טראָגט אין זײַן בוזעם
זײַן גרויען,
אַ האַרץ,
פול מיט געוויין?...

ווייגט זיך דער וואַלד
פון גיגאַנטן,
מיט גרינע צעשויבערטע קעפּ
און ס׳לאַכט אין די צווײַגן
— צעשפּרייטע —
מיט הפקר
דער ווינט פונעם סטעפּ...

— יחיד צי כלל — איז פון אַ גרעסערער וויכטיקייט גענומען צו ווערן אונטערן פאַרגרעסערער־גלאָז צום אַנאַ־ליזירן, בכדי צו קענען קומען צו ריכטיקע מסקנות?

ווי מיר וויסן, ווייזט אַ שפּיגל אַ באַגרענעצטע בילד, און דער דויער פון געזעענעם בילד פאַרשווינדט ווען דער אָביעקט גייט אַרויס פון שפּיגלס „זע־פעלד". ווערט רעאַ־ליטעט פאַרטוישט מיט אַן אימאַזש — טויג נישט דער דאָזיקער מעטאָד! כדי צו באַקומען אַ פול בילד, דאַרף מען נישט נוצן באַזילבערט גלאָז, נאָר וויזיע, פאַרשטע־לונג־קראַפט, אינטואיציע געשטיצט אויף ראַיעל וויסן — ווייל ס'איז נישט פאַראַן קיין יש מאַין. אין זוכן דאָס ממשותדיקס תמצית, דאַרף מען פרווון דערגריבלען זיך צום אינערלעכן מהות; אויסגעפינען די פסיכיש־עמאָציאָ־נעלע „שטאָפן" און זייער קאָנסטרוקציע, דאָס וואָס באַוועגט די מעשים פון יחיד און פון כלל; די טרייב־קרעפטן וועלכע ווירקן אויפן גאַנג פון דער געזעלשאַפט, פון אירע ענגע גרענעצן צו ברייטערע רחבותן, ווי דער שטראָם פון אַ טייך פליסט צום ים.

וועגן דער קעגנזייטיקער השפעה פון יחיד—כלל, זע־נען פאַראַן צוויי קעגנזעצלעכע טעאָריעס. איין טעאָריע איז באַזירט אויף דער פילאָזאָפיע פון אַן „אויבערמענטש", די צווייטע — אויף אַ „הערשנדיקן קלאַס".

די מאַרקסיסטישע טעאָריע לערנט, אַז „באַדינגונגען שאַפן דעם באַוווסטזיין פון מענטשן"; אַז באַדינגונגען זענען דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר און איז די אייזערנע לאָגיק פון די נויטוועדיקייטן, און די שטרעמונגען, ווי זייער רעזולטאַט, שאַפן דאָס לייִם פון וועלכן דער יחיד איז געבויט; אַז באַדינגונגען זענען מסוגל צו אַנטוויקלען אַ יחיד צו דער מדרגה פון אַ פירער.

די „אויבערמענטש"־טעאָריע לערנט, אַז אַ שטאַרקער ווילן, ריכטיקער, דער אויבערמענטש, קען פירן די גע־זעלשאַפט ביי דער צוים ווי אַ קאָוּבאָי פירט זיין פערד. איך מיין, אַז ביידע טעאָריעס זענען נישט פּינקטלעך. גע־וויינטלעך, געפינט זיך דער אמת אין דעם גילדערנעם מיטן. ס'איז אַלעמאָל פאַראַן אַ קעגנזייטיקער אויסווירק צווישן יחיד און כלל און ווען דער כלל ווערט רייף פאַר אַן ענדערונג, קומט דער יחיד וואָס נעמט די איניציאַטיוו אין די הענט. דערפון דרינגט, אַז ליטעראַטור און קונסט זענען מחויב פאַר אַלעמען צו פאַרנעמען זיך מיט דער סאָציאָ־געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור און אירע אויסווירקן, ווי דער נאַרונגס־שטאָף פאַרן וואָרט, פאַרב און קלאַנג־געמעלן. ערשט דערנאָך דאַרף קומען דער „באַשייד" פון „שפּיגל"־בילד, דער אַנאַליז פון אָבסערוואַציעס, און די אויסגעפונענע מסקנות וועגן יחיד, דאָס פונדאַמענטאַלע בוי־קעמערל פון דער געזעלשאַפט.

די מיטלען זענען: דערציילונג, ליד, עסיי, אַפילו זכ־רונות אויב זיי רעפלעקטירן דעם יחיד אין דער ראַם פון „וואָס אַמאָל געווען". פון די נעכטנס ציט מען דעם פאַדעם פאַר דעם היינט — און פון דעם היינט — פאַרן מאָרגן. המשך. אַ בילד, ווי גוט און ערלעך געשילדערט, געפינט זיך אין דער דימענסיע פון אַן אַבסטראַקט, אויב עס פעלט דער הינטערגרונט פון כלל. פון דער צווייטער זייט ווערט אַ בילד פון אַ כלל צונויפגעגאָסן אין אַ פנימלאָזער מאַסע, אויב אין פאָדערגרונט געפינט זיך נישט דער אימאַזש פון אַן אינדיווידואַל, וואָס גיט דער מאַסע איר קענצייכן. דער פאָדערגרונט, די אינדיווידועלע פערזענלעכקייט ווערט אַ מוסטער פון דעם כללס געשטאַלטיקונג.

מיר וויסן, אַז דער היינטיקער „האָמאָ סאַפּיענס" האָט אַדורכגעמאַכט אַ סך עטאַפּן אין משך פון זיין עוואָלוציאָ־נעלן אויפשטייג. אויך ביאָלאָגיש איז ער היינט אַנדערש, דאָך תוכיק נישט זייער ווייט פונעם אור־מענטש.

עס ווערן היינט ברייט געפאָרשט דעם מענטשנס מע־שים, די רעזולטאַטן פון זיינע אָנרעגונגען, באַאיינפלוסט פון זיין אַרום. אָבער דער גרויסער טאָג, ווען דער מענטש זאָל זיין ראוי צו טראָגן שטאָלץ דעם נאָמען „מענטש" געפינט זיך נאָך הינטער זיבן בערג און זיבן ימען.

גוטע ליטעראַטור און קונסט פרווון, ווי די פאָרשער אין לאַבאָראַטאָריעס, דערגיין מיט זייערע אַנאַליזן צו די טיפסטע טיפן פון דעם מענטשנס פסיכיק. זיי באַמיען זיך אַרויסצובורענגען דאָס באַהאַלטענע אונטערן שיכט פון דעם זעלבסט־פאַרטיידיקונגס סיסטעם, פון „נישט לאָזן זיך אַנט־דעקן". זיי אַנאַליזירן עס לויט זייערע מעגלעכקייטן, אויפן סמך פון זייערע „אַנטדעקונגען" לאָזן זיי וויסן דעם מענטשן: קוק! אַזוי זעסטו אויס!

שטייט די פראַגע — איז דאָס גענוג? קען ליטעראַטור מיטן „שפּיגל"־בילד דערגרייכן צום מאַקסימום, צום פולן ראַיעלן בילד וועגן קולטור־גאַנג פון מענטש, יחיד—כלל? דאַרף ליטעראַטור פאַרבלייבן אין די גרענעצן פון אַ כראָ־ניק־דאָקומענטאַציע, אַן פּינקטלעכקייט, אָדער ווי עס גע־שעט אין אונדזער צייט — געפעלשטע געשיכטע?

קומט דער אויספיר, אַז ליטעראַטור און קונסט: ליד, דראַמע, עסיי, מוזיק־און טאַנץ־אויסדרוקן, דאַרפן אויס־פירן די ראָל פון וועגווייזער. זיי דאַרפן אַוועקשטעלן גייסטיקע וועג־צייכנס, וועלכע זאָלן ווייזן די ריכטונג ווי צייכנס אויף אַ שאָסיי: דער וועג פירט אויף צפון, דער אויף דרום, און דער איז אַ בלינדער וועג — ער פירט אין ערגעץ נישט. נעם אים נישט אין אַכט!

צייטן בייטן זיך, און עס בייטן זיך אויך די אויסדרוק־פאָרמען — נישט דער תוך. דער מענטש קלעטערט נאָך אַלץ אויף דעם לייטער פון עוואָלוציע. דאָס איז אַ פאַ־מעלעכער פּראָצעס נישט פריי פון צוריקפאַלן צו אַ פּרי־ערדיקן צושטאַנד.

ביישפילן: בשעת אַ פייער אָדער אַ שיף־ברוך („טי־טאַניק") האָבן מענטשן געטראָטן איבער לעבעדיקע און טויטע, כדי צו ראַטעווען זייער אייגן לעבן. אין די פייני־קונג־ און מאָרד־לאַגערן, אין די נאַציסטישע „גולאַגס", לויט ציראַנקעוויטשן (געוו. פּרעמיער אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן) און לויטן שרייבער קאַצעטניק — איז באַלד אין די ערשטע טעג פון די גיהנום־באַדינגונגען „אַראָפּגעפאַלן דער דינער שיכט פון ציוויליזאַציע". די אויבערהאַנט האָט

(סוף אויף זייט 16)

י. מ. לעווין

# ליטעראַטור, קונסט, יחיד און געזעלשאַפט

(באַטראַכטונגען)

איך קען נישט פרעטענדירן, אַז איך וועל זיין מסוגל אַרומצונעמען אַלזייטיק, און אויסמעסטן דעם נישט אויסמעסטבאַרן שטח פון אַלע פיר קאָמפּאָנענטן וועלכע פיגורירן אין דעם עסיי. איך וועל אָבער פרוּוון באַהאַנדלען און באַלייכטן לויט מיינע יכולתן זייער עצמדיקייט און שייכותן וואָס בינדן זיי צונויף.

אַ סך טעאָריעס זענען אויפגעקומען און פאַרשוווּנדן, אַ סך וויכוחים זענען אויסגעפּעכט געוואָרן כדי צו דערגרייכן די ענטגילטיקע דעפיניציע: וואָס איז ליטעראַטור און קונסט; און ווי ווירקט זי זיך אויס אויף דער געשטאַלטונג פון יחיד און פון דעם כלל.

איז ליטעראַטור אַן אָפּשפּיגל, אַ פאָטאָסטאַט פון אַלגעמיין היסטאָרישע געשעענישן, פּערזענלעכע איבערלעבונגען, צי גאָר פון טרוימען, פון באַהאַלטענע שטרעמונגען, כדי צו דערגרייכן אַן אידעאַלע לייזונג פאַר מאַטערנדיקע לעבנס־פּראָבלעמען? צי גיט דער „פאָטאָסטאַט“ אַ ריכטיקן באַשייד פונעם לעבנס־ריטעם, וואָס וויברירט אַרום אונדז אין טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט?

אפשר איז ליטעראַטור און קונסט אַ דורכלויכט פון אונדזער אינערלעכער וועלט? צי גיבן בײדע שיין־ און ווילקלינגענדיקע ישן ריכטיק איבער דאָס ממשותדיקע, און דאָס נאָך נישט אַנטפּלעקטע; די שײנקייטן מיט די אויסקרומענישן צוגלייך? אויב דאָס איז אַזוי, דאַרפן קונסט און ליטעראַטור ווערן די וועגווייזער סיי פאַרן יחיד, סיי פאַרן כלל?

און נאָך אַ קשיא: וועלכע פון די צוויי קאָמפּאָנענטן

---

בלויז איבערנעמען די ירושה פון דער 70 יאָריקער „קדימה“, נאָר אויך די ירושה פון אַלע היגע יידישע געזעלשאַפטלעכע און ייִדיש־קולטורעלע אינסטיטוציעס.

✶

מיט 36 יאָר צוריק, ווען מיר — די אַמאָליקע יונגע יידיש קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן דערזען דעם גרויסן פיזישן און גייסטיקן חורבן פון יידישן פאָלק און ספּעציעל די פאַרניכטונג פון פויליש־ליטווישן שפּרודלדיקן יידנטום, האָבן מיר געטראַכט, אַז אַלץ און אַלעס איז פאַרלאָרן. און דאָך: האָבן מיר זיך גלייך געשטעלט אויף די פיס און אָנגעהויבן צו באַנייען און בויען — אויף אונדזערע גייסטיקע און פיזישע חורבות — אַ ניי לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ פאַרצווייגטער יידישער קולטור־אַרבעט אין די ערטער ווו מיר האָבן זיך באַזעצט און גאָר שטאַרק געגעבן אַ גרויסע ביישטייערונג — גייסטיק און פיזיש — צום אַנטשטיין פון מדינת־ישראל. אויך אין אויסטראַליע — מעלבורן בפרט, האָבן מיר ביזגעשטייערט כוח און ענערגיע איינצוהאַלטן — אין אַ געוויסער מאָס — אונדזער גרויסן אַמאָל, וואָס האָט באַרייכערט דעם היגן יידישן ישוב מיט דעם יידישן וואָרט, יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין אַלע קאָלירן און ניואַנסן.

לאָמיר דעריבער אין דעם יובל יאָר פון „קדימה“ זיין אָפּטימיסטיש פונקט אַזוי ווי מיט 36 יאָר צוריק און זיין דורכגעדרונגען מיט די טיפסטע געפילן, אַז מיט נייע וועגן וועלן מיר קענען דערמעגלעכן צו לייזן די אַלטע פּראָבלעמען וואָס וועט — מיט אַ געאייניקטן פּראָנט־פּערספּעקטיקן און אויסברייטערן די יידישע קולטור־אַרבעט צוזאַמען מיט די יידיש־ענגליש קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

י. אָרבאַך

★

סוף ניינצענטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז די יידישע קולטור אין מזרח־אייראָפּע, אויף דער טעריטאָריע פון דער צאַרישער אימפּעריע, נישט בלויז ווי במשך פון דורות־לאַנג, אַ צוויי־שפּראַכיקע — יידיש און העברעיש — נאָר שוין מיט אַ וויכטיקן קאָמפּאָנענט פון דער לאַנד־שפּראַך, רוסיש.

מיטן אָנהויב פון צוואַנציקסטן י. ה., האָט דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דעם רוסיש־קאָמפּאָנענט אָנגעהויבן שטייגן, עס איז אויפגעקומען און איז שנעל געוואַקסן אַ שיכט רוסיש־רײדנדיקע צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. עס האָבן זיך באַוויזן טאַלאַנטפולע יידיש־רוסישע שריפטשטעלער און פּובליציסטן, אַ יידיש־רוסישע פּרעסע, וואָגיקע צייטשריפטן און זאַמלביכער. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע בריק, וואָס האָט פאַרבונדן געוויסע שיכטן פון דער יידישער יוגנט — וועלכע זענען, אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, געוואָרן אָפּגעפרעמדט פון יידיש — מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון יידישן פאָלק, פון זיין פאַרגאַנגענהייט, פון זיין צוקונפט, פון זיינע ראַנגלענישן פאַר קיום.

די יידיש־רוסישע פּעריאָדיק איז אַזוי אַרום ביסלעכווייס געוואָרן אַ שאַפנדיקער צענטער פון יידישער קולטור, גאָר באַזונדערס אויפן געביט פון געשיכטע און געזעלשאַפטלעכן געדאַנק.

צווישן די גלאַנץ נעמען פון דעם יידיש־רוסישן קולטור־צענטער דאַרף דערמאָנט ווערן קודם כל דער גרויסער יידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו.

„סאָוויעטישע יידישע מלוכהשקייט“ פון ה. סלאָוועס, זייט 221

י. אַרבאַך

# אַלטע פּראָבלעמען און נייע וועגן

(דיסקוסיע אַרטיקל)

אין דעם 25־טן נומער „מעלבורנער בלעטער" איז געווען אַן אַרטיקל געווידמעט דעם 70־יאָריקן יובל פון „קדימה" א. נ. „30 מיר און 70 זי". אין דעם אַרטיקל איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פראַגע: צו זענען מיר ביכולת פאַרהיטן אונדזער פערטן דור קעגן דעם מעכטיקן שטראָם פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער קולטור? דער פערטער דור הענגען דאָך, די וואָס דאַרפן איבערנעמען די ירושה פון 70 יאָר קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פון דער „קדימה"? הערביי איז אויך אָנגעמערקט געוואָרן, אַז אין שייכות מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון „אונדזער פערטן דור" דאַרפן מיר אָנהייבן פירן אַ דיסקוסיע וועגן דעם הויפּט יסוד וואָס מיינט: „צו איז די אַנדערשקייט פון דעם פערטן דור — אונדזערע זין און טעכטער — אַ מעלה אָדער אַ חסרון פאַר דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אַ יידיש קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס די „קדימה" האָט אָפּגעהאַלטן אין משך פון 70 יאָר?

ווי אַן אַריינפיר צו דער דיסקוסיע וויל איך זאָגן:

די אײנזאַמקייט און יאוש־שטימונגען ווי אויך די אָפּגעזונדערטקייט צווישן אונדז קולטור־טוער פון דריטן דור מיט דעם פערטן דור — אשר שלא ידע די גרויסקייט פון יידיש, יידישער קולטור ביים פאַרשטייטענעם — פּויליש־ליטוויש יידנטום — האָט דערפירט דערצו, אַז מיר שטייען פאַר דילעמעס, וואָס דריקן זיך אויס אין אַ געמיש פון ליכט און שאָטן, פון בטחון און מורא, אַז אונדזערע אויפגעבויטע פּאָזיציעס פון יידיש און יידישער קולטור וואַקלען זיך. שטעלן מיר זיך די פראַגע: צי דאַרפן מיר קאָנטינוּאירן מיט די אַלטע וועגן? אָדער דאַרפן מיר זוכן נייע וועגן בכדי צו דערפילן די אַלטע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר פאַר דער „קדימה"?

מיין דיסקוסיע אַרטיקל איז נישט בלויז אַרויסרעדן זיך פון האַרצן, נאָר ווי ווייט מעגלעך אָנדייטן אַ פּאָר קאַרדינאַלע ענינים, וואָס דאַרפן זיין אַן אָנרעגונג פאַר די איצטיקע און שפּעטערדיקע „קדימה" טוער: נאָך 70 יאָר יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיט אַ גרויסן פאַרנעם, וואָס ווייטער? וואָס איז מכוח דער צוקונפט פון „קדימה", מכוח די קאָנטורן פון די יידישע און יידיש־ענגלישע קולטור פאָרמען, וואָס שיילן זיך אַרויס ביי אונדזערע נאָכפאָלגער אין זייער אויסבליק אויף יידיש און יידיש־ענגלישער קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט? ווי אַזוי דאַרפן מיר רעאַגירן? און וואָס דאַרפן מיר טאָן?

לייג איך פאָר: מיר דאַרפן אין אונדזער ווייטערדיקער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויסדריקן און אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון אונדזער לאַנד און דער באַפעלקערונג אירער, פּלוס דאָס לעבן פון דעם יידישן ישוב אין אויסטראַליע, סיי דאָס פּאָזיטיווע און סיי דאָס נעגאַטיווע. דער דאָזיקער עיקר צוגאַנג פון אונדזער אַרבעט וועט זיך בעסער אויסווירקן און וועט אויך בעסער אויפגענומען ווערן פון דעם פערטן דור וואָס דאַרפן איבערנעמען אונדזערע יידישע אַקטיוויטעטן.

מיר דאַרפן איבערטראַגן — דורך פאַרשיידענע וועגן און אופנים — שריפטלעך און מינדלעך, אונדזערע יידישע קולטור־אוצרות אין דער לאַנדס־שפּראַך — ענגליש, וואָס וועט געבן די מעגלעכקייט אונדזערע נאָכפאָלגער — זיך צו באַקענען מיט די יידישע קולטור־שאַפונגען, וואָס זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געשאַפן און אַזוי אַרום — אין אַ געוויסער מאָס — פאַרשטאַרקן זייער צוגעבונדקייט צום יידישן פאָלק און צו די יידישע קולטור־אוצרות בפרט, וואָס וועט אין רעזולטאַט שאַפן די קרובהשאַפט און שותפותדיקייט מיט אונדזערע יורשים.

מיר דאַרפן אין אונדזער טעגלעכער יידיש־געזעלשאַפטלעכע קולטור־אַרבעט זיך אויפהערן צו גרויסן מיט די אויפטועכצן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זענען שוין מער נישטאָ און וועלן זיך ליידער מער נישט צוריקקערן. מיר דאַרפן מער און מער ריידן און טאָן וועגן די איצטיקע פּראָבלעמען און וועגן, געפינען אַ סינטעז צווישן דעם גרויסן נעכטן מיט דער יידישער פּראָבלעמאַטיק פון היינט, וואָס דאַרף געבן די מעגלעכקייט, אַז יידיש־געזעלשאַפטלעכע קולטור־אַרבעט זאָל קענען גיין האַנט ביי האַנט מיט יידיש־ענגליש קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

מיר דאַרפן געדענקען, אַז דער היגער יידישער ישוב האָט אין משך פון דער 70 יאָריקער „קדימה"־עקזיסטענץ זיך אַנדערש אויסגעשטאַלטיקט ווי די יידישע געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוער פון די פריערדיקע דורות האָבן אים געוואָלט זען. מיר דאַרפן נישט זיין בלינד און זען, אַז די יידיש און יידישיסטישע האַפטן פון די אַמאָליקע און איצטיקע קולטור־טוער ביי דער „קדימה" און אויסער דער „קדימה" — ווערן מאַגערער און שוואַכער, ווייל די רעאַליטעט — ווייזט אונדז אויף מיט אַלע סמנים, אַז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם פערטן דור און זיינע נאָכפאָלגער וועט זיין ענגליש!!!

אין אָנבליק פון די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען דאַרף דער געבאָט פון דער שעה זיין, אַז מיר דאַרפן שאַפן אין דעם „קדימה" יובל יאָר אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכע אייניקייט פון אַלע שיכטן אין היגן יידישן ישוב אַרום דער גרויסער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור־אָרגאַניזאַציע „קדימה", וואָס קען שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן יידיש־קולטור באַוווסטזיין ביי דעם פערטן דור וואָס דאַרף נישט

אויסטראַליע וועגן דעם פּראָיעקט אין 1939, און זיך דאָ פאַרהאַלטן צוליב דער מלחמה.

אין דעם צווייטן אַלמאַנאַך באַגעגענען מיר שוין אַ נייע גענעראַציע פון געזעלשאַפטלעכע טוער און שרייבער, ווי דעם פּעדאַגאָג גיליגיטש; דעם טעאַטראַל — ראָזענשטיין; דעם בעלעטריסט הערץ בערגנער; דעם סעקרעטאַר פון „קדימה", דעם שרייבער ב. וואַרשאַווסקי. אויך די טעמאַטיק פון צווייטן אַלמאַנאַך איז שוין אַ גאַר נייע. מען רעדט שוין וועגן פּליטים (ד"ר בערגנער) פּראָבלעמען פון דערציאונג (גיליגיטש), און מען פרעגט די אַלטע קשיא, וואָס יעדער דור הערט נישט אויף צו פרעגן: ווו גייט אונדזער יוגנט? (בערגנער; יונאָוויטש).

פון די וויכטיקסטע אַרבעטן אין בוך — ווי די רעדאַקציע שאַצט זי אָגב אָפּ — איז די אַרבעט פון איטאַליעניש־ייִדישן אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר דזשענטיל. „אונדזער ווירקלעכקייט אין ליכט פון ציפערן". דאָס איז אַן אויסשעפּלעכע אויספאָרשונג וועגן ייִדישן קיבוץ אין אויסטראַליע.

דאָס ייִדישע אויסטראַליע — ווי עס קומט צום אויסדרוק אין צווייטן אַלמאַנאַך — דערנענטערט זיך טעמאַטיש צו דער פּראָבלעמאַטיק פון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדן, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פינפאונצוואַנציק יאָר נאָכן צווייטן אַלמאַנאַך — איז אין יאָר 1967 דערשינען דער דריטער אַלמאַנאַך.

דער דאָזיקער אַלמאַנאַך (456 זייטן) טיילט זיך אויס פון די פריערדיקע צוויי, סיי מיטן כאַראַקטער און סיי מיטן אינהאַלט. ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „קדימה" צו איר 55־יאָריקן יובל.

די אימיגראַנטן־מאַסע פון די פופציקער יאָרן האָט זיך שוין בּיסלעכווייז איינגעאָרדנט און נייע מענטשן האָבן גענומען אַריינדרינגען אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די אַרויסגעבער פון אַלמאַנאַך האָבן זיך שוין אויך ברייטער פאַרמאָסטן:

עס האָט געגעבן — שרייבט די רעדאַקציע — יעדן איינעם די מעגלעכקייט אין אונדזער ישוב, וואָס האָט עפּעס ממשותדיקס צו זאָגן אין וועלכער עס איז פאָרם — ליד, דערציילונג, דראַמע אָדער עסיי — צו זיין פאַרטראַטן אין דעם בוך".

**און נאָך וועגן די צילן פון אַלמאַנאַך:**

„דער אַלמאַנאַך וועט געבן די ייִדן אין דער וועלט אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן אונדזער ישוב און וועגן אונדזערע שעפערישע כוחות. גלייכצייטיק האָפן מיר, אַז דער אַלמאַנאַך וועט זיין אַ באַשיידענער צושטייער צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער וועלט".

עס איז געווען צו באַקענען זיך מיט די אָפּטיילונגען פון בוך, כדי צו באַקומען אַ באַגריף פון דעם פּאַרנעם פון אַלמאַנאַך: „קדימה" און איר געשיכטע, געשריבן פון „קדימה" סעקרעטאַר (און רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך) לייב פרידמאַן. ייִדיש לעבן אין אויסטראַליע — פינף אַרטיקלען.

ווי אַנדערע וועגן אונדז — (באַזוכער אין ייִדישן אויסטראַליע) פינף פאַרצייכענונגען. דערציילונג, ליד, דראַמע — פאַרטראָטן אַכט שרייבער. עסייען — צען אַרבעטן; איינס אין העברעאיש.

אין אַלמאַנאַך געפינען זיך אויך 71 בילדער, ווו עס ווערן שוין דערמאָנט שטעט ווי סידני; פּערט; אַדעלייד; באַלאַראַט; האָבאַרט. אומעטום ווו ייִדן האָבן געלעבט און לעבן נאָך ביז היינט.

זינט דעם דריטן, אַלמאַנאַך און היינט, האָט דער „קדימה" קאָמיטעט געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצוגעבן אַן אינפאָרמאַציע ביולעטין, פון וועלכן ס'איז דערשינען בלויז צוויי נומערן.

אין די לעצטע 5 יאָר איז אונדז, מיט אַ סך אָנשטרענגונג געלונגען צו אַנטוויקלען אַן ערנסטן זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער", און מיר האַלטן שוין ביים 27־טן נומער.

מיר פאַרשטייען אָבער, אַז דאָס באַפרייט אונדז נישט פון דעם חוב — אַרויסצוגעבן דעם פערטן אויסטראַלישן אַלמאַנאַך. אַגב, פּלענער זענען שוין געמאַכט געוואָרן מיט אַ יאָר 6־7 צוריק, ווען די „קדימה" האָט אָפּגעצייכנט 65 יאָר פון איר עקזיסטענץ. ווייטער אָבער, ווי פון דער פּלאַנירונגס סטאַדיע איז עס נישט אַוועק. ווען מיר זאָלן אפילו אויסרעכענען די אַלע סיבות פון אָפּהאַלט, וועט עס אונדז נישט באַפרייען פון אַרויסגעבן דעם פערטן אַלמאַנאַך.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ער וועט נישט קאָנען זיין אַזוי רייך אין פאַרשידנאַרטיק, ווי דער דריטער אַלמאַנאַך, צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס עס פעלן שוין צווישן די לעבעדיקע וואַגיקע מיטאַרבעטער און ביישטייער. מיט אַ געהעריקער אָנשטרענגונג אָבער, וואָלט מען געקאָנט אויך די דאָזיקע שוועריקייטן בייקומען.

צום 70־טן יובל פון דער „קדימה" שטייט די פראַגע פון אַרויסגעבן דעם אַלמאַנאַך, ווידער אויף אונדזער טאָג־אָרדענונג.

---

„אַ זשורנאַליסט, וואָס קאָן טאָן אויך עפּעס אַנדערש, אַפילו בלויז פירן אַ טעקסי אָדער מאַכן שיך — איז אַ פרייער מענטש — אויב ער וויל עס זיין".

**וואַלטער ליפּמאַן**
(באַרימטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט)

---

**מ. אייזענבוד**

# די „קדימה" – און דאָס געדרוקטע וואָרט

די „קדימה" — דער פּיאָנער פון יידישער קולטור־אַרבעט אויפן פינפטן קאָנטינענט, האָט אויך צו פאַרצייכענען אויף איר קרעדיט — דעם ערשטן יידישן בוך.

דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט איז ערשט געווען אַ וואַסערע צען יאָר אַלט, ווען עס איז דערשינען דאָס ערשטע בוך, אין יאָר 1937, דער „אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך".

פון בלעטערן דעם אַלמאַנאַך ווערט קלאָר, אַז דער אינספּירירנדיקער כוח און דער טעכנישער אויספירער פון דעם געוואַגטן פּראָיעקט — אַ בוך פון 340 זייטן — איז געווען דער שרייבער מלך ראַוויטש, וואָס האָט אַ יאָר פריער אָנגעשלאָגן צו די אויסטראַלישע ברעגן.

אין דעם דאָזיקן אַלמאַנאַך איז צונויפגענומען דאָס בעסטע, וואָס יידיש־מעלבורן האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט. אינטעלעקטואַלן ווי ד"ר אהרן פאַטקין, ניומאַן ראָזענטאַל; הערש מינץ;בעלעטריסט־זשורנאַליסט ווי פנחס גאָלדהאַר און אַ גאַנצע ריי געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן ביגעשטייערט צום אַלמאַנאַך זייערע דערפאַרונגען. אַלץ צוזאַמען שטעלט דער אַלמאַנאַך מיט זיך פאָר, ביים היינטיקן טאָג די בלעטלעך פון דער געשיכטע פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין וויקטאָריע.

„אַנטדעקט" פאַר דער יידישער וועלט אויסטראַליע, האָט דער שרייבער פרץ הירשביין, וואָס האָט אין יאָר 1921 פאַרעפנטלעכט זיינע רייזע־באַשרייבונגען פון מעלבורן און סידנעי. פאַר יידישן מעלבורן איז דער דאָזיקער באַזוך געווען אַ יום־טוב, ווי עס פאַרצייכנט עס אין אַלמאַנאַך, דער „קדימה"־טוער, ישראל שער ע"ה :

„דאַכט זיך — נישט מער ווי אַ צופעליקער פינפוואָכיקער באַזוך פון אַ יידישן שרייבער — טאַקע דער באַרימטער פרץ הירשביין, אָבער פאַרט נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג אין מעלבורן, און דאַך, דער דאָזיקער באַזוך האָט דעצידירט אין דער באַשטימונג פון דער ליניע פון דער קומענדיקער מאָדערנער יידישער קולטור־אַרבעט אויפן דאָזיקן קאָנטינענט".

פרוּוון פון יידן צו באַזעצן זיך אויף ערד, זענען געמאַכט געוואָרן אין אַ סך ערטער, אויף דער וועלט. אין די דרייסיקער יאָרן, ווי עס דערציילט אונדז יעקב טריוואַקס ע"ה, האָט זיך אין שעפּערטאָן (אַרום 180 ק"מ פון מעלבורן) געפונען אַ יידישער קיבוץ פון איבער 100 נפשות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט ערד־אַרבעט. עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן ערנסטע באַמיאונגען צו באַזעצן יידן אויף ערד אין בעריק (אַרום אַ 45 ק"מ פון מעלבורן) זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט גערטנעריי און עופות־צוכט. („דער נישט געלונגענער עקספּערימענט — פון נ. ה. ראָזענטאַל.)

נאַטאַן שפּילפּאָגעל ע"ה דערציילט וועגן יידן צווישן די גאָלד־גרעבער אין באַלאַראַט, אין יאָר 1854. שפּילפּאָגעל איז געבוירן געוואָרן אין באַלאַראַט, אין יאָר 1874. זיין פאָטער איז געקומען קיין באַלאַראַט פון גאַליציאַנישן שטעטל קאָלאָמיי, אין יאָר 1855. קיין יידיש האָט ער נישט געקענט, און געשריבן אַלץ אין ענגליש.

פון די 24 אַרטיקלען און דערציילונגען, זענען 5 איבערגעזעצט פון ענגליש.

דער ערשטער אַלמאַנאַך פאַרמאָגט אַ וואָגיקן היסטאָריש־קולטורעלן מאַטעריאַל, וואָס איז אַן אוצר פאַר אַ היסטאָריקער.

נאָך אַן אָפּשטאַנד פון 5 יאָר, איז אין דעצעמבער 1942 דערשינען דער צווייטער אַלמאַנאַך, אויף וועלכן עס זאָגט זיך אַז ער איז אַרויסגעגעבן דורך דער י.נ.ב. „קדימה", הגם אויך דער ערשטער איז דערשינען לויט דער איניציאַטיוו און פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג פון „קדימה"־טוער.

וואָס אייגנטלעך האָט באַוועגט דעם "קדימה"־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דעם צווייטן אַלמאַנאַך? שרייבט די רעדאַקציע:

„מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע איז מען אויסן אַ טאָפּלטן צוועק: צו געבן אַ געהעריקן אויסדרוק דער פּיאָנערישער אַרבעט אויפן געביט פון יידיש און יידישער קולטור, וואָס די „קדימה" האָט אין משך פון דריי צענדליק יאָר אָנגעפירט אין וויטסטן יידישן קיבוץ, און צו דער אייגענער צייט אויך צוגעטראָגן אַ קולטור־צושטייער, וואָס זאָל האָבן נישט נאָר אַ לאָקאַלע, נאָר אויך אַן אַלגעמיינע יידישע באַדייטונג".

**דער צווייטער אַלמאַנאַך ציילט שוין 445 זייטן, מיט 15 אַרטיקלען, דערציילונגען און עסייען, עס האָט זיך דאָן געטומלט אין אויסטראַליע, ספּעציעל אין די יידישע קרייזן מיט ד"ר שטיינבערגס פּראָיעקט פון באַזעצן יידן אויף ערד, אין קימבערליי. וועגן דעם איז דאָ אַ גרעסערע אַרבעט אין אַלמאַנאַך. ד"ר שטיינבערג איז געקומען קיין**

---

**דער אויסדרוק אָבער איז געווען אַן אַנדערע, צייטנוויז, אַ מער היציקער, בפרט האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין ספּאָנטאַנע דיסקוסיעס מיט קאָמוניסטן. עס איז געווען אַ „צופאַל", אַז די יוגנט אָפּטיילונג פון דער „קדימה" איז געווען באַהערשט פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, האָט מען געמוזט פאַסיק רעאַגירן און עס האָט ניט געדויערט לאַנג, און די אַזוי גערופענע קאָמוניסטישע יוגנט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.**

**דער איינפלוס פון די אימיגראַנטן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די יאָרן 1938־1940 און שפּעטער, אין די יאָרן 1945־1950 איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.**

(המשך אין קומענדיקן נומער)

דעם גאַנצן ענין פון אַ טאָג־שולע. דאַן האָב איך פאָרגעלייגט, אַז יידיש לשון זאָל מען לערנען די קינדער, וועמענס עלטערן פאָדערן דאָס.

ווען דער צווייטער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן, האָט די גרעסטע מערהייט פון „קדימה"־מיטגלידער געשטיצט די אַליאירטע פעלקער. יידישע יונגעלייט האָבן גלייך וואָלונטירט צו קעמפן קעגן דעם אַלגעמיינעם יידישן שונא, היטלערן י״ש. מען האָט פרייוויליק געקויפט באָנדס און אַ.וו. און געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען וויפל יידן עס איז מעגלעך פון די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. די איינציקע וואָס האָבן געשריען, אַז דאָס איז נישט קיין יידישע מלחמה נאָר אַן ענגליש־פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטישע מלחמה זענען געווען די „געזערדניקעס" און די קאָמוניסטיש־געשטימטע „קדימה"־מיטגלידער. אַלס אַ ביישפּיל האָבן זיי געבראַכט דעם אָפּמאַך צווישן סטאַלין־מאָלאָטאָוו מיט היטלער־ריבענטראָפּ, וועלכער וועט לייזן די יידישע פּראָבלעמען אין אייראָפּע. אָבער ווען היטלער האָט אַטאַקירט סאָוויעט־רוסלאַנד, האָבן סטאַלינס אָנהענגער געביטן די שטעלונג: „מען דאַרף ראַטעווען סאָוויעט־רוסלאַנד און דאַן וועלן אויך די יידן זיין געראַטעוועט". אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן אַז זעקס מיליאָן יידן וועלן ווערן פאַרניכטעט אויף אַן אופן, אַז די גרעסטע גזלנים און רוצחים וואָלטן קיינמאָל נישט געגלייבט אַזאַ מעגלעכקייט.

צוויי־דריי יאָר אײדער די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן מעלבורנער און אַנדערע אויסטראַלישע יידן אָנגעהויבן טראַכטן און אַפילו מאַכן פּלענער פון רעהאַביליטאַציע פאַר דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

די „קדימה" איז געווען איינע פון די אויסטראַליש־יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון אָט דער טעטיקייט. אָבער קיינער האָט נישט געחלומט, אַז אַנשטאָט קהילות, שולן, אינסטיטוציעס און בפרט מיליאָנען יידן וועט מען געפינען בערג פון אַש און די שארית הפליטה, מיט ניסים לעבן־געבליבענע.

טויזנטער יידן איבער גאָר דער וועלט האָבן געוואַרט אויף נייעס וועגן זייערע משפחות אָדער איינצלנע קרובים. יעדער איינציקער האָט געהאָפט אַז זיין מוטער אָדער פאָטער, אָדער ברודער איז ערגעץ־ווו צווישן די שארית הפליטה.

יידן האָבן געפרעגט זיך אַליין: „האָבן מיר געטאָן אַלץ אָדער עטוואָס ממשותדיק, כדי צו ראַטעווען אונדזערע טייערסטע און באַליבטסטע פון דעם גיהנום?" און געפרוווט זיך אַליין צו ענטפערן: „יאָ, איך האָב דאָך דערלאַנגט אַ ביטע אויף אַ וויזע פאַר מיין שוועסטער, פאַר מיינע פּלימעניקעס, אָבער ביז איך האָב באַקומען דעם גליקלעכן ענטפער, איז געוואָרן צו שפּעט. די נאַציס האָבן פאַרנומען כמעט ווי גאַנץ מזרח אייראָפּע און מיליאָנען יידן זענען פּאַקטיש הערמעטיש פאַרשפּאַרט געוואָרן אָן קיין שום האָפענונג צו באַפרייען זיך. יידישע היימלאָזיקייט איז געווען די וויכטיקסטע סיבה וואָס מיליאָנען יידן זענען פאַרניכטעט געוואָרן אפילו אַ קליינע היים, אָבער אַן אייגענע האָט געקאָנט ראַטעווען אַ היבשער צאָל יידן. נאָר קיין היים איז ניט געווען, אפילו די וועלכע האָבן געטענהט, אַז זיי זענען יידישע פריינד, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען יידן. ענגלאַנד איז מסכים געווען אַריינלאָזן עטלעכע צענדליק טויזנט, אָבער נאָר פאַר טראַנזיט. אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן, זענען געבוירן געוואָרן די „דונעראַ", „אַראַנדאָרה סטאַר" (דערטרונקען געוואָרן מיט אַ מערהייט פון די פּליטים), „סטרומה", „פּאַטריה", „סט. לואיס" און פיל אַנדערע. אפילו נאָך דער מלחמה האָט מען געפירט די יידן פון היטלערס לאַגערן צו די לאַגערן אין ציפּערן. אמת, אויסטראַליע האָט געלאָזן אַריינפאָרן עטלעכע טויזנט יידן פאַר דער מלחמה און איניקע טויזנט נאָך דער מלחמה, אַזוי אויך אַמעריקע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַ קוואָטע פאַר פּליטים, יידישע און נישט יידישע.

מיטגלידער און פריינד פון „קדימה" האָבן געשאַפן דעם „הילפּס־פאָנד" און שפּעטער אויך אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וועלכע איז באַשטאַנען פון דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער און סאָציאַלע אַרבעטער צו העלפן די שארית הפליטה אין די אייראָפּעישע לאַגערן גופא.

אין דער זעלבער צייט, ווען דער הילפּס־פאָנד האָט געזאַמלט געלט פאַר דעם און הילף פאַר אַנדערע לאָקאַלע צוועקן. האָט אויך די אָרגאַניזאַציע „פריינד פון מגן דוד אדום" געזאַמלט געלט פאַר ענלעכע קאָמיסיעס, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון ארץ ישראל. איך בין געווען טעטיק אין „מגן דוד אדום", געפאָרן אפילו קיין סידנעי, בריזביין און אַדעליד בכדי צו אָרגאַניזירן מעגלעכקייטן צו שיקן פון אויסטראַליע אַמבולאַנסן, טראַנספּאָרטן פון קאָנסערווירטע און אַנדער עסנוואַרג, ווי אויך קליידער און בפרט מעדיקאַמענטן, וועלכע מען האָט געשיקט מיט לופט־פּראַכט.

עס איז וויכטיק צו באַצייכענען, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „די פריינד פון מגן דוד אדום" איז פאָרגעקומען אין אויבערשטן זאַל פון דער „קדימה" אין לייגאָן סטריט, קאַרלטאָן.

מיין גוטער פריינד, לעאָ פינק ע״ה, האָט אין יענע טעג געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז דער יידישער „הילפּס־פאָנד" וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך זיין איניציאַטיוו וועט געבן יערלעך דעם „מגן דוד אדום" אַ היבשע סומע געלט (פינף טויזנט פונט אַ יאָר) בתנאי, די אָרגאַניזאַציע זאָל נישט מאַכן באַזונדערע געלט־זאַמלונגען. האָב איך ביי אים געפרעגט: „דו לעאָ פינק וואָלסט פאַרקויפט אַן אינסטיטוציע פאַר געלט?" — „ניין", האָט ער געענטפערט, „דו ביסט גערעכט", און דערמיט האָט זיך דער ענין פאַרענדיקט.

די כוואַליע פון יידישער עמיגראַציע נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה איז געווען גאָר אַן אַנדערע פון אַלע פריערדיקע כוואַליעס. פון די לאַגערן אין אייראָפּע, פון פוילן, אַנטלאָפענע דורך סיביר און יאַפּאַן, אייראָפּעישע יידן פון סינגאַפּור, עסטרייך, דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן, די וועלכע זענען געקומען אַלס אינטערנירטע אויף דער „דונעראַ" און שפּעטער געדינט אין די אויסטראַלישע מיליטערישע אַרבעטס באַטאַליאָנען און נאָכן באַפרייאונג פון דינסט, האָבן באַשלאָסן איבערבלייבן אין אויסטראַליע. אויך די וועלכע זענען געקומען אַלס פרייע מענטשן אויף אַנדערע שיפן, אַן ערב רב פון פּראָפעסיעס, ספּעציאַליסטן אויף פיל געביטן, פאַרשידענע בעלי מלאכה׳ס, אַלע האָבן געהאַט איין ציל: אָנהויבן אַ ניי לעבן אין אַ פרייע לאַנד.

איינער פון די אונטערשיידן צווישן די יידישע אימיגראַנטן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און פריערדיקע כוואַליעס פון אימיגראַנטן איז געווען דער פאַקט, אַז אַ גרויסע צאָל פון די אימיגראַנטן האָבן געבראַכט אַ רייכן באַגאַזש פון געזעלשאַפטלעכער דערפאַרונג און אָרגאַניזאַציע פון יידישן לעבן אויף אַלערליי געביטן. בתי־כנסת, חינוך־אַנשטאַלטן, קהילות אָרגאַניזירונג, סאָציאַלע באַדערפענישן, קולטורעלע אַספּעקטן.

אמת, מען האָט אויך אַריינגעבראַכט פּאָליטישע אַספּעקטן און אידעאָלאָגיעס וועלכע זענען געווען בולט אין יידישן לעבן אין מזרח און צענטראַל־אייראָפּע, אָבער אַ סך פון זיי זענען געווען באַקאַנט אין אויסטראַליע שוין פריער.

„כי לא על־הלחם לבדו יחיה האדם״ (ניט מיט ברויט אליין לעבט אַ מענטש). אַ מענטש פֿאָדערט אויך עפּעס רוחניות. דער ייִד פון רוסלאַנד און מזרח־איראָפּע וויל לייענען אַ בוך, אַ צייטונג. ער וויל ניט זיין אָפּגעריסן פון ייִדישן פֿאָלק כאָטש ער איז אין אויסטראַליע, 12000 מייל ווייט פון ייִדישע צענטערס.

האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן אַ קלוב, אַ ביבליאָטעק, עפּעס א צענטער ווו מען קאָן זיך באַגעגענען, דורכרעדן זיך. האָט מען געגרינדעט אַ „קדימה״ אינסטיטוציע. ניט נאָר דער העברעישער נאָמען וואָס הייסט „פֿאָראויס״ איז געווען בולט, נאָר אויך די מאָטיוואַציע פון דער אינסטיטוציע „בית ספרים עברי לאומי״. נישט קיין וווּנדער וואָס מיט 70 יאָר צוריק האָבן די שאַפֿערס און בויער פון דער „קדימה״ אויסגעדריקט אויך זייער טעם און זכות קיום פאַר דער נייער ייִדישער קולטור־היים. די הויפּט־אויפֿגאַבעס דאַרפֿן זיין: 1) אויפלעבן העברעיש און 2) לערנען ענגליש.

דאָס זענען די נעמען פון דעם ערשטן קאָמיטעט: אייזיק הורוויץ — איינער פון די ערשטע אַרבעטער אין ארץ ישראל, וועלכער איז געקומען, ווי ער שרייבט אין זיין בוך — „מיין לעבן״ (אויטאָביאָגראַפֿיע פון אַ ייִד אַ וואַנדערער) — „גאָלד־פיבער — איך פאַר זוכן גאָלד״ אָדער י. ראָכלין, א. סטאָן, ה. טאָפּט, נ. מושין, מ. טאָפּט, א. ניומארק, ה. הויזי — ייִדן פון ארץ ישראל, רוסלאַנד, וועלכע זענען געקומען קיין אויסטראַליע „ווו גאָלד איז אין דער גאַס ווי בלאָטע״. ספּעציעל איז געווען בולט אַ יונגער דאָקטער, משה (מאָריס) פון די ערשטע בילויים אין ראשון לציון — איינער פון די „קדימה״ גרינדער. דער קאָמיטעט איז בפירוש באַשטאַנען פון ייִדן אינטעליגענטע, מענטשן מיט וויזיע וואָס האָבן געהאַט אין זיך דעם אינערלעכן ווילן צו שאַפֿן עטוואָס גוטס וואָס זאָל נוצן ניט נאָר זיי אליין — פּערזענלעך, נאָר אַלע מיטגלידער פון דער קהילה אין יענע טעג (5600) און אויך פאַר אימיגראַנטן וועלכע וועלן קומען אין דער נאָענסטער און אפילו אין די ווייטערדיקע תקופות.

אין אַ קורצער צייט ארום זענען געקומען קיין מעלבורן שלמה ווערטהיים, וועלכער האָט געאַרבעט זיינע ערשטע יאָרן אין גאָלדגריבער אין מערב אויסטראַליע, אפרים שניידער, אַ געוועזענער מיטגליד פון „השומר״ אין ארץ ישראל, אהרן בר־כהן, אפשר דער ערשטער מאָדערנסטער העברעישער לערער. בר־כהן איז שפּעטער געוואָרן אויך דער סעקרעטאַר פון „קדימה״ און שלמה ווערטהיים — אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט אין דער היגער ייִדישער געזעלשאַפֿט, בפרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די אַנטוויקלונג פון קדימה״ איז געגאַנגען פֿאָרויס ביז דער ערשטער וועלט מלחמה. דריי יאָר איז אָבער געווען אַ צו קורצע צייט פאַר דער יונגער אינסטיטוציע אויסהאַלטן דעם קריזיס פון די מלחמה יאָרן און ווי אייזיק הורוויץ שרייבט (וועגן די 1920־ער יאָרן, נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג) אין צווייטן „קדימה״־אַלמאַנאַך, אין יאָר 1942: „קדימה״ איז געוואָרן בלוט אָרעם... אַ לעבעדיקער מת און מענטשן האָבן צוזאַמענגעפֿאָרט דעם נוטה־למות מיט אַ צווייטן בר־מות... צוויי מתים זענען געגאַנגען טאַנצן. — די „קדימה״ און די ציוניסטישע „התחיה.

...אָבער דאָס איז ניט געווען קיין פּאַסיקער שידוך... אַלטע גוטע פריינד פון „קדימה״... האָבן געזוכט וועגן ווי צו ראַטעווען פון דער צעפֿאַלנקייט דאָס, וואָס וועט זיך לאָזן ראַטעווען. אויך די „התחיה״ פריינד האָבן קיין נחת ניט געשעפּט... מען האָט אָנגעהויבן מורמלען וועגן אַ גט... „קדימה״ האָט אירע אויפגאַבן, „התחיה״ האָט אירע אויפֿגאַבן... אין 1926 איז דאָס שותפות פונאַנדערגעטיילט געוואָרן. „קדימה״ פאַר זיך, „התחיה״ פאַר זיך.

ווען איך בין געקומען קיין מעלבורן אין יאָר 1929, איז מיין פעטער אהרון פאטקין ז״ל געווען דער פרעזידענט פון „קדימה״. ער האָט מיר דערציילט וועגן דער אינסטיטוציע און איר טעטיקייט. נאָך פינף יאָר לעבן אין ארץ ישראל, איז מיר געווען אַ ביסל פרעמד צו הערן וועגן די צילן פון דער „קדימה״, אָבער איך האָב געקאָנט פאַרשטיין די פסיכאָלאָגיע פון אירע מיטגלידער פון די שטעט און שטעטלעך אין פוילן און ליטע, נעמענדיק אין אַכט, אַז זיי האָבן קיין פרייען ייִדישן לעבן און שאַפֿן אויף אייגענעם באָדן נישט געפילט און נישט געזען.

וויסנדיק, אַז איך באַקום רעגולער די ארץ ישראלדיקע טעגלעכע צייטונג „הארץ״ און אויך פאַרשידענע אַנדערע ליטעראַטור, האָט ער מיך איינגעלאַדן צו געבן אַ פאָרטראַג וועגן די אַראַבישע פּאָגראָמען אין חברון, ירושלים און אַנדערע געגנטן פון לאַנד פון אויגוסט 1929. איך האָב ווילנדיק אָנגענומען די איינלאַדונג און דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש און מיטאַרבעט מיט דער אינסטיטוציע „קדימה״. למרות — איך בין נישט מסכים געווען מיט אַ סך מיטגלידער אין זייער צוגאַנג צו לייזן ייִדישע פּראָבלעמען, און אויך אויף אַנדערע געביטן, האָבן מיר דעריבער געזוכט די פּאָזיטיווע זייטן צו מיטאַרבעטן צוזאַמען. מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען איך בין געווען פרעזידענט פון „קדימה״ (1955־1958) בין איך אויך אין דער זעלבער צייט געווען טעטיק אַלס פרעזידענט פון „ברית עברית עולמית״ אין וויקטאָריע.

די „קדימה״, אַלס אַ ייִדישע אינסטיטוציע, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז אָפיציעל געווען אַלע מאָל אומפאַרטייאיש האָבן די מיטגלידער אָפט מאָל אריינגעפירט פּאָליטיק. איניקע ביישפילן: ביראָבידזשאַן. (ווען די סאָוויעטישע רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט די געגנט אין ווייטן מזרח אַלס אַ צוקונפטיקע ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט און די ייִדישע מאַסן האָבן דאָס אויפגענומען מיט ביטול, האָבן זיך געפונען אין „קדימה״ מיטגלידער, בפרט די אָנהענגער פון „געזערד״ (אַ פּראָ־סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציע), צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פאַלשער אידייע, וואָס די יעווסעקעס האָבן געוואָלט אויסנוצן אין זייער קאַמף קעגן ציוניזם און אין דער זעלבער צייט באַקומען די פריינדשאַפט פון ענגלאַנד און אַנדערע מערב־לענדער, האָבן נישט נאָר ציוניסטן אין דער „קדימה״, נאָר אויך פיל נישט־ציוניסטן, אַפילו ציון־קעגנער, געמוזט פאַרלירן צייט צו פּאָלעמיזירן מיט די אָנהענגער פון דער יעווסעקציע בפרט און סאָוויעט־רוסלאַנד בכלל.

פון צייט צו צייט זענען געווען רייבונגען איבער זאַמלען געלט פאַר ייִדישע שולן אין פוילן. די ציוניסטיש־געשטימטע מיטגלידער פון „קדימה״ האָבן געפֿאָדערט, אַז די געזאַמלטע געלטער זאָל מען צעטיילן צווישן ציש״אָ־שולן און „תרבות״־שולן, אָבער די קעגנער פון העברעאיש זענען געווען קעגן אַזאַ שותפות. האָט מען געמאַכט באַזונדערע זאַמלונגען. ווער האָט געליטן? אַלע שולן!

ווען דער דראַנג פאַר גרינדן אַ ייִדישע טאָג־שולע אין מעלבורן איז געוואָרן זייער שטאַרק האָט די „קדימה״ אין פרינציפּ געשטיצט דעם פאָרשלאַג, אָבער זי האָט געפֿאָדערט, אַז ייִדיש לשון זאָל זיין אָבליגאַטאָריש. אָבער איך, דער איניציאַטאָר פון דעם פאָרשלאַג, בין געווען קעגן דער פֿאָדערונג, ווייל אַ גרויסע צאָל קעגנער פון דעם פּראָיעקט האָבן דערוואַרט פון מיר די הסכמה און דאַן וואָלטן זיי צוגעצויגן די אַזוי גערופענע נייטראַלע מיטגלידער פון „באָאַרד״, אַפילו ציוניסטן און וואָלטן צעבראָכן

# 70 יאָר „קדימה" 1911—1981

ב. צ. פּאַטקין

## זכרונות

די „קדימה" ווערט הײַנטיקן יאָר אַ בת־שבעים. די געשיכטע פון „קדימה׳ס" אַנטוויקלונג, איז די געשיכטע פון אַ גרויסן טייל פון דעם אויסטראַלישן ייִדישן ישוב. איך זאָג אויסטראַליער, ניט נאָר מעלבורנער ייִדישן ישוב, ווייל עס זענען געווען פאַלן ווען די „קדימה" האָט געווירקט ניט נאָר אויפן קולטורעלן און סאָציאַלן לעבן פון דעם מעלבורנער ישוב, נאָר אויך אויף די פאַרשידענע ייִדישע ישובים און סידנעי, פּערט און אפילו אין בריזביין.

אין די דריי שטעט זענען פון צייט צו צייט אָנגעקומען היבשע צאָלן אימיגראַנטן, אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט מלחמות. אָפטמאָל פלעגן גרופּעס מזרח אייראָפּעישע ייִדן אין די שטעט נאָכפאָלגן די טעטיקייט פון דער „קדימה", בפרט אויפן קולטורעלן געביט בכדי צו פּלאַנירן זייערע אייגענע אונטערנעמונגען.

די סיבה איז געווען די זעלבע וואָס האָט געבראַכט די גרינדער פון דער „קדימה" אויפצושטעלן די ייִדישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע אין מעלבורן. די נייע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, לאַטוויע און אפילו פון רומעניע האָבן זיך ניט געקאָנט געפינען אַן אייגענע קולטורעלע „היים" צווישן די האַלב אָדער דריי פערטל אַסימילירטע ייִדן, וועלע זענען אָנגעקומען פון די זעלבע געגנטן אין סוף פון 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, בפרט דער צווייטער און דריטער דור וועלכע זענען געוואָרן אינגאַנצן אַסימילירט.

די מערהייט פון די ייִדישע אימיגראַנטן זענען געקומען פון מזרח־אייראָפּע, וואָס איז געווען אַן אינטעגראַלער חלק פון צאַרישן רוסלאַנד און די שפּראַך על פּי רוב איז געווען ייִדיש און אַ ביסל רוסיש. אין דער זעלבער צייט זענען געקומען אימיגראַנטן פון ענגלאַנד און פון די צענטראַל־אייראָפּעישע לענדער. די ייִדיש־ענגלישע אימיגראַנטן זענען על פּי רוב געווען דער צווייטער און דריטער דור פון מזרח אייראָפּעישער ייִדישער אימיגראַציע קיין ענגלאַנד און אירלאַנד. דער ערשטער דור פון די זעלבע אימיגראַנטן האָבן נאָך געהאַט אַ שייכות צו ייִדיש לעבן פון די שטעטלעך און אפילו גרעסערע שטעט, אָבער אַ היבשע צאָל פון צווייטן און דריטן דור זענען שוין געווען מער אָדער ווייניקער אַנגליזירט און האָבן ניט געהאַט די אינערלעכע פאָדערונג צו אַ המשך פון ייִדיש לעבן אפילו אַזוי ווי זייערע עלטערן, זיידעס און באָבעס.

די ייִדישע אימיגראַנטן פון צענטראַל אייראָפּע האָבן געקוקט אויף די מזרח אייראָפּעישע ייִדן ווי „אָסט־יודען" — נידעריקער פון זיי, די דייטשן, עסטרייכער און ייִדן פון ענגלאַנד. ייִדן פון ספרדישן אָפּשטאַם האָבן זיך ניט באַפריינדעט מיט די רוסישע און מזרח אייראָפּעישע ייִדן. דאָס זענען געווען צוויי וועלטן. זיין האָבן געגלייבט אין זעלבן גאָט און על־פּי־רוב געהאַט דעם זעלבן נוסח דאַוונען...

צווישן זיי זענען געווען זייער ווייניק אַקאַדעמיקער אָדער דאָקטוירים, אינזשיניערן און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלן. די מערהייט זענען געווען קליינע קרעמער, בעלי־מלאכות, געשעפטס־לייט.

די ענגלישע און צענטראַל אייראָפּעישע ייִדישע אימיגראַנטן האָבן זיך ניט געחבר׳ט מיט די רוסישע אָדער מזרח־אייראָפּעישע ייִדן. נישט זיי האָבן געהאַט אַ בשותּפותדיקע שפּראַך און ניט בשותּפותדיקע אינטערעסן.

איז געקומען די צייט, ווען אייניקע פון די מער אינטעליגענטערע מזרח אייראָפּעישע ייִדן האָבן דערפילט, אַז

---

און צו ווייניק מענטשן, מ׳זאָל זיי קאָנען באַוואָרענען — האָט געהאַט אַ באַלערנדע לעקציע ערשט מיט אַ דריי יאָר צוריק, ווי אַזוי פרעמדע קאָנען אומבאַמערקט אַרײַנדרינגען קיין אויסטראַליע:

נישט באַוואָפנטע, אַלטע, האַלב־חרובע שיפלעך, אָן געהעריקע נאַוויגאַציע אינסטרומענטן, איבערגעלאָדן מיט פּליטים פון וויעטנאַם, זענען אָנגעקומען אומבאַמערקט צו אונדזערע גרענעצן. פון דער דערפאַרונג איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ גוט־אָרגאַניזירטער פּלאַט (נישט דווקא אַ סאָוויעטישער) קאָן איך משך פון וואָכן אַריבערפירן אַן אַרמיי און זי אײַנקוואַרטירן אומבאַמערקט, און פון דער יבשה גופא אָנהייבן אַן אינוואַזיע.

כאָטש אויסטראַליע איז אַ טייל פון אַזיע, געהערט זי פאָרט פּאָליטיש, קולטורעל, שפּראַכלעך און עטניש — צום מערב. די הילף פון אַמעריקאַנער אויסשפּיר־עראָפּלאַנען איז פון אַ גאָר וויכטיקער באַדייטונג.

אגב געפינען זיך שוין אַמעריקאַנער קאָמוניקאַציע פאַרבינדונגס־באַזעס אויף ווײַטלעכע ערטער אין אויסטראַליע ווי פּיין גאַפּ און מערב־גאַפּ. זיי האָט לעצטנס באַזוכט דער פירער פון דער לייבאָר פּאַרטיי ביל הײַדן, און אויך ער האָט אָפּגעשאַצט זייער נוציקייט. זיי דינען צו קאָמוניקירן מיט די פליענדיקע סאַטעליטן און שווימענדיקע אונטערוואַסער־שיפן.

פון די אַרויסטריטן פון דער לייבאָר־אָפּאָזיציע ווערט פאַרשטענדלעך די מורא, אַז די ב־52 עראָפּלאַנען קאָנען אויך גענוצט ווערן צו פירן אטאָם־באָמבעס אין צייט פון אַ קאָנפליקט אָן צו פאַרשטענדיקן זיך מיט דער אויסטראַלישער רעגירונג. די איבערעדעניש, אַז נייטראַליטעט קאָן אויסהיטן אונדזער קאָנטינענט גרענעצט זיך — מילד זיך אויסגעדריקט — מיט נאַיוויטעט. אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אויסטראַליע איז געווען באַדראָט פון די יאַפּאַנער, האָט די קערטין־רעגירונג (לייבאָר) אײַנגעלאַדן די אַמעריקאַנער, זיי זאָלן פאַרטיידיקן אויסטראַליע.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז קלאָר: פּונקט ווי אַמעריקע דאַרף אויסטראַליע, צוליב איר געאָגראַפישער פּאָזיציע אין דעם וועלט־טייל, אַזוי דאַרף אויסטראַליע די הילף פון אַמעריקע נישט נאָר אין צייט פון אַ מיליטערישן קאָנפליקט, נאָר אַפילו אין שלום־צייט, ווען ס׳ברייטערט זיך אַ וואַכזאַם אויג אויף אונדזערע גרענעצן.

# מאַרק ב. די עראָפּלאַנען „ב־52" — און מיר

די תקופה אין וועלכער מיר לעבן, קאָן אָן שום וואַקלעניש אַנגערופן ווערן: די תקופה פון צווישן פּלאַנעטאַרער קאָמוניקאַציע. דערווייל איז עס נאָר באַגרענעצט צו וויסנשאַפטלעכע און מיליטערישע פאָרשונגען — עס איז אָבער געגוג כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט — אַז אַ סאַטעליט קאָן אַרומקרייזן אונדזער ערד־קיילעך אין משך פון 90 מינוט.

פון געשיכטלעכער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז אַלע וויכטיקע מלחמות (די באַלקאַן־מלחמה, די ערשטע און צווייטע וועלט־מלחמות) זענען פאָרגעקומען אין אייראָפּע. אַלס רעזולטאַט פון דער דערפאַרונג מעסטן מיר נאָענט און ווייט נישט לויט געאָגראַפישע באַגריפן: ווי ווייט עס איז פון פונקט אַ ביז פונקט ב, נאָר אין מיליטערישע: ווי ווייט די אָדער יענע געגנט אָדער לאַנד איז ווייט פון די דירעקטע מלחמה אָפּעראַציעס.

נעמען מיר אין אַכט די דערשיינונג פון 90 מינוט פליען, איז פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט בכלל נישט מעגלעך פעסטצושטעלן וועלכעס אָרט אויף דער וועלט איז ווייט און וועלכעס איז נאָענט.

בכלל באַנוצט די היינטצייטיקייט אין איר טערמינאָלאָגיע מיליטעריש־פּאָליטישע באַגריפן, אָנשטאָט די טראַדיציאָנעל־געאָגראַפישע. פון די פיר זייטן פון דער וועלט: צפון, דרום, מזרח, מערב — האָט מען בלויז איבערגעלאָזט צווי: מזרח און מערב (מיט אַ פּאָר וואַקלענדיקע רעזשימען אין צווישן, וועלכע קיינער נעמט נישט ערנסט, און וועלכע הייסן לויט דער זעלבער טערמינאָלאָגיע: די דריטע וועלט, אָדער די נייטראַלע מלוכות).

באַוואָפנט מיט אָט די אַלע ידיעות קאָנען מיר מאַכן אַ פּרוּוו צו אַנאַליזירן די צוועמקעסיקייט פון דעם באַשלוס, וואָס ס'האָט אָנגענומען די אויסטראַלישע רעגירונג צו דערלויבן די באַוווסטע אַמעריקאַנער מיליטערישע עראָפּלאַנען, וועלכע טראָגן דעם צייכן: ב־52, צו באַנוצן זיך מיט די פלי פלעצער אין דער שטאָט דאַרווין.

די אויפגאַבע פון די עראָפּלאַנען זענען (געגויער: דאַרפן זיין) פּאַטראָלירן די באַוועגונג פון שיפן אין אינדישן אָקעאַן, וועלכן מ'האָט אַמאָל באַצייכנט ווי דער שטילער אָקעאַן. אָבער ווידער: די געאָגראַפן האָבן נישט געקאָנט פאָרויסזען די פּאָליטישע געשעענישן — און דער אינדישער אָקעאַן איז שוין דווקא געוואָרן אַ שטורמישער, ספּעציעל ווען די פּלאַטן פון רוסלאַנד און אַמעריקע האָבן אין אים פאַרנומען וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס.

שוין מיט אַ יאָר צוריק האָבן אויסטראַלישע אינטעלעקטואַלן און גייסטלעכע פּרובירט אינספּירירן דער עפנטלעכער מיינונג צו פּראָטעסטירן קעגן דעם פאַרשלאָג, וואָס איז געווען אין דער סטאַדיע פון פאַרהאַנדלונגען צווישן אַמעריקע און אויסטראַליע. די רעאַקציע פון די ברייטע אויסטראַלישע מאַסן איז געווען כמעט בול. אַפילו פאַר די פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי (וואָס זענען אין גרונד־, אַנטי אַמעריקאַניש) איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי קאָנען נישט קומען צו דער באַפעלקערונג מיט איבערצייגנדיקע אויפקלערונגען, פאַר וואָס מען דאַרף נישט דערלויבן דאָס באַנוצן אויסטראַלישע פלי־פעלדער פאַר די עראָפּלאַנען ב־52 — בלויז מיט פּאַציפיסטישע אַרגומענטן.

בכלל קען קיין שום ערנסטע פּאַרטייביים היינטיקן טאָג — מיט פּערספּעקטיוון צו ווערן די רעגירונג אין וואָסער נישט איז דעמאָקראַטיש לאַנד — פאַרבייטן פּאָליטישע ריכט־ליניעס (רעאַלפּאָליטיק) אויף פּאַציפיסטישע אידעאַלן אָדער סענטימענטן — ווי שיק און אַנציענד זיי זאָלן נישט זיין.

געוויס האָבן אייראָפּעאישע מלוכה פירער און פּאָליטיקער מער דערפאַרונג און פּאָליטישע פּערספּעקטיוו, ווי די אויסטראַלישע. אין אַ דערקלערונג פון דער מערב־דייטשער רעגירונג (אָנגעפירט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן) זאָגט זיך:

„דער מערב קאָן נישט אַקצעפּטירן אַ סטאַטוס קוואָ, וואָס גיט דויערהעפטיקייט לטובת די סאָוויעטן, אָן אַ קעגנגעוויכט פון נאַטאָ".

אַן אָנגעזעענער אייראָפּעישער פּאָליטיקער קאָמענטירט ברעזשניעווס אַרויסטריט אויפן 26־טן קאָנגרעס פון דער רוסישער קאָמפּאַרטיי:

ברעזשניעוו, אויפן 26־טן קאָנגרעס האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל אָפּשטעלן אַלע צוגרייטונגען צו פאַנאַנדערשטעלן אין מערב־אייראָפּע 572 אַמעריקאַנער באַוועגלעכע ראַקעטן, ווי אויך ראַקעטן פון טיפּ „פּערשינג 2".

אין דער זעלבער צייט האָבן די סאָוויעטן אין אייראָפּע אַרום 160 פון זייערע אייגענע אינסטאַלאַציעס צו באַנוצן זיך מיט די סאָוויעטיש־קאָנסטרואירטע ראַקעטן ס. ס.־20".

אויסטראַליע וואָס איז אַן אינדזל מיט צופיל גרענעצן

---

עס איז נאַיוו און לעכערלעך צו באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע עמיגראַציע איז אַ סאָוויעטישער זשעסט פון אָנערקענונג פון דער יידישער מדינה.

די וויזע קיין ישראל איז נישט מער ווי אַ פּרינציפּיעלער תירוץ פאַרן אינערלעכן געברויך. די עמיגראַציע האָט מער צו טאָן מיט דער טראַדיציע פון קאָנסטאַנטין פּאָביעדאָנאָסצעוו, ווי מיט עליה.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די אומשטענדן דאַרפן מיר אונטערשטיצן און קעמפן פאַר די רעכט פון די רוסישע יידן צו עמיגרירן, אָבער גלייכצייטיק דאַרף אָנגיין אַ קאַמף אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום פאַר די פולע בירגער רעכט, פון די סאָוויעטישע יידן אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט, וואָס ווילן נישט אָדער קענען נישט עמיגרירן.

ד"ר מ. פערשטענדיק

איז געווען, וואָס נאָך דער מלחמה האָבן זיי אינטערוועניִרט בײַ די סאָוויעטישע אַמטן פֿאַר די ייִדן, וואָס מען לאָזט זיי ניִשט אַרײַן אין זייערע דירות און ווערן שיקאַניִרט ווען זיי ווילן צוריקבאַקומען זייערע אַרבעטס־פּלעצער. עס הייסט אויך, אַז זיי האָבן געשיקט אַ מעמאָראַנדום צו סטאַליִנען אין וועלכן זיי האָבן געפֿאָדערט אַנצונעמען שריט קעגן דעם באַנייטן אַנטיסעמיטיזם און גלײַכצײַטיק האָבן זיי פֿאָרגעשלאָגן צו דערמעגלעכן די אויסגעוואָרצלטע ייִדן זיך צו באַזעצן אויפֿן קרימער האַלבאינדזל.

פֿאַקטיש האָט דער סאָוויעטישער רעזשים געחתמעט דעם גורל פֿון דעם אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין 1946. דאָס איז צו דרינגען פֿון איציק פֿעפֿערס אַרטיקל אין „איינִיקייט" (די צײַטשריפֿט פֿון קאָמיטעט). איציק פֿעפֿער האָט פֿאַרטיידיקט דעם קאָמיטעט: „מיר האָבן קיינמאָל ניִשט פּראָקלאַמירט די איינִיקייט פֿון כלל ישׂראל . . . נאָר די אַנטי־פֿאַשיסטישע איינִיקייט . . . אַ סימן, אַז באַלד נאָך דער מלחמה האָט דער רעזשים שוין באַשולדיקט דעם אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין סאָלידאַריטעט מיט דעם כלל ישׂראל. איליאַ ערענבורג האָט דער ערשטער דערשמעקט די געפֿאַר און רעזיגנירט פֿון קאָמיטעט. עס זעט אָבער אויס, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים איז ניִשט גרייט געווען צו דולדן די איינִיקייט פֿון קאָמיטעט אַפֿילו בלויז מיטן סאָוויעטישן ייִדנטום, וואָס האָט זיך מאַניפֿעסטירט אין די אינטערווענצן קעגן אָפֿענע, ברוטאַלע אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס קעגן די ייִדן אין סאָוויעט רוסלאַנד.

אַזוי האָט דער רעזשים אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז דער קאָמיטעט פּלאַנירט אָפּצורייסן דעם קרימער האַלבאינדזל פֿאַר אַ ייִדישע רעפּובליק און אַ באַזע פֿאַר די שונאים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט זענען פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און מיט זיי, די ייִדישע שרײַבער, אַרטיסטן און קולטור טוער.

דאָס סאָוויעטישע ייִדנטום האָט דורכגעמאַכט דעם אויסגעטראָטענעם וועג אַרום דעם אַלטן קרײַז פֿון צאַרישן אַנטיסעמיטיזם ביז פֿולע עמאַנציפּאַציע. די אויפֿקלערונג, די איבערשיכטונג פֿון דעם „דעגראַדירנדיקן" מיטלשטאַנד פֿון קליין הענדלער ביז צו דער פּריווילעגירטער געזעלשאַפֿט פֿון אינטעלעקטואַלן, טעכנאָקראַטן און פּראָפֿעסיאָנאַלן. זיי האָבן באַצאָלט מיט אַסימילאַציע, בכדי צו פֿילן זיך „גלײַך" אין דער נײַער געזעלשאַפֿט און . . . צוריקגעקומען צום אויסגאַנגס־פּונקט פֿון אַנטיסעמיטיזם.

אין די נאָך מלחמה יאָרן האָט דאָס רוסישע ייִדנטום זיך געפֿונען אין לאַגע פֿון פֿאַרצווייפֿלונג. דער שאָק פֿון די שחיטות, אויסגעפֿירט דורך זייערע סאָוויעטישע מיטבירגער; די אַנטיסעמיטישע כוואַליע פֿון דער סאָוויעטישער באַפֿעלקערונג אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס נאָך דער באַפֿרייאונג; די פּאַסיוויטעט פֿונעם רעזשים קעגנאיבער דעם באַנייטן אַנטיסעמיטיזם פֿון דער באַפֿעלקערונג; דער אָפֿענער אַנטיסעמיטיזם פֿון די נידעריקע אינסטאַנצן אין דער אַדמיניסטראַציע — דאָס אַלץ האָט גורם געווען דעם פּסיכאָלאָגישן איבערברוך פֿון דעם רוסישן ייִדנטום.

דער אָפֿענער, אָפֿיציעלער אַנטיסעמיטיזם איז געקומען צום אויסדרוק אין יאָר 1948, אין דער קאַמפּאַניע קעגן די „קאָסמאָפּאָליטן". אַסימילירטע ייִדישע אינטעלעקטואַלן מיט רוסיפֿיצירטע נעמען זענען באַשמוצט געוואָרן אַלס „בעזפּאַספּאָרטניקעס" (מיינט אָן אַ היימלאַנד), דערבײַ זענען דערמאָנט געוואָרן זייערע אַלטע ייִדישע משפּחה נעמען, בכדי אַלע זאָלן וויסן אַז די „פֿאַרעטער" זענען די ייִדן.

ניִשט קיין ווונדער, אַז טויזנטער ייִדישע אינטעלעקטועלע און טעכנאָקראַטן — שאָקירט און פֿאַרצווייפֿלט זענען אַוועק קיין ביראָבידזשאַן צוזאַמען מיט זייערע משפּחות, מיינענדיק אַז דאָרט וועלן זיי געפֿינען אַ מקום מקלט פֿון דעם ים פֿון שׂנאה.

די קולמינאַציע פֿון דעם אָפֿיציעלן אַנטיסעמיטיזם איז געקומען צום אויסדרוק אין דער בלבול־באַשולדיקונג קעגן די ייִדישע דאָקטוירים, אַז זיי האָבן פּלאַנירט צו דערמאָרדן סטאַליִנען און אַנדערע סאָוויעטישע פֿירער.

ס'זענען פֿאַראַן באַווײַזן, אַז דער ציל פֿון דעם בלבול פּראָצעס קעגן די דאָקטוירים איז געווען אַ פּלאַנירטער „ספּאָנטאַנער" פּאָגראָם קעגן די ייִדן און בכדי „צו ראַטעווען" די ייִדן איז צוגעגרייט געוואָרן אַ דעקרעט אַרויסצושיקן אַלע ייִדן אין די גולאַג לאַגערן, אין סיביר און קאַזאַכסטאַן.

דער פּלוצימדיקער טויט פֿון סטאַליִנען איז זיכער געווען אַ נס . . .

אמת, נאָך סטאַליִנס טויט איז דער דאָקטוירים פּראָצעס אָפּגערופֿן געוואָרן. אָבער דער אַנטיסעמיטיזם אין סאָוויעט רוסלאַנד גייט ווײַטער אָן אין אַ מער קאָנטראָלירטער פֿאָרם אונטער דעם שלייער פֿון „אַנטיציִאָניזם".

עס איז אומווירדיק פֿון עטישן שטאַנדפּונקט, צו באַצייכענען די נאַציאָנאַלע אויפֿלעבונג פֿון רוסישן ייִדנטום אַלס אַ „נס".

דאָס רוסישע ייִדנטום האָט מיטגעמאַכט די שווערע ליידן, וואָס ליידער, זענען זיי די קענצייכנס פֿון ייִדישן פֿאָלק, אין דער לאַנגער ייִדישער געשיכטע אין די תּפֿוצות. נאָך אַן אילוזאָרישן קורצן פּעריאָד פֿון פּרוּוון צו אַנטלויפֿן פֿון זיך, האָבן די איבעריקע ייִדן ווידער געפֿונען דעם וועג צו זיך.

וואָס איז די צוקונפֿט פֿון סאָוויעטישן ייִדנטום?

וויליאַם קאָרעי רעפֿלעקטירנדיק די דאָזיקע פֿראַגע דערמאָנט די אַ פּאַקאַליפּטישע וויזיע פֿון קאָנסטאַנטין פּאָביעדאָנאָסצעוו (באַראַטער פֿון צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן): „אַ דריטל וועט אומגעבראַכט ווערן, אַ דריטל וועט זיך טאָטאַל אַסימילירן, אַ דריטל וועט עמיגרירן" . . .

די נאַצי־אינוואַזיע האָט ליקווידירט איין דריטל פֿון רוסישן ייִדנטום. די עמיגראַציע פֿון די רוסישע ייִדן, וואָס גייט אָן אין גרעסערע און קלענערע צאָלן, איז אַ טייל פֿון דעם פּלאַן פּטור צו ווערן פֿון די ייִדן.

אַז דאָס סאָוויעטישע יידנטום אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה איז דורכגעגאַנגען דעם זעלבן פּראָצעס וואָס דאָס דייטשע יידנטום אין דער צייט פון דער „אייראָפּעאישער אויפקלערונג“ און עמאַנציפּאַציע נאָך דעם פּעריאָד פון משה מענדעלסאָן: ראַדיקאַלע אַסימילאַציע אין וועלכער שמד איז געוואָרן דער פּאַספּאָרט צו דער ציוויליזירטער און פּריווילעגירטער געזעלשאַפט, ווי היינע האָט זיך אויסגעדריקט.

אויך די אַנטווישונג פון סאָוויעטישן יידנטום און די רעאַקציע פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין דעם סאָוויעטישן רעזשים איז זייער ענלעך צו דער אַנטווישונג פון דעם אַסימילירטן דייטשן יידנטום און די רעאַקציע פון דער קריסטלעך־בורזשואַזער געזעלשאַפט.

פּראָפ. שמואל עטינגער באַהויפּטעט, אַז די ערשטע אָפיציעלע מאַניפעסטאַציעס פון אַנטיסעמיטיזם אין סאָוויעט רוסלאַנד זענען געקומען צום אויסדרוק אין די רייני־קונגס פּראָצעסן, ביים סוף פון יאָר 1936, און אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז געווען דער אָנהויב פון סטאַלינס אַוווערטורע צו היטלערן, וואָס האָט זיך קולמינירט אין דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו אָפּמאַך (1939).

פּראָפ. עטינגער שטעלט אָבער נישט צו קיין באַווייזן, כדי צו באַגרינדן די דאָזיקע טעזע. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט צוזאַמען מיט אַ גאַנצע רייע פּראָמינענטע קאָמוניסטן פון דער אַלטער גוואַרדיע פון נישט ייִדישער אָפּשטאַמונג. און דווקא מיט זינאָוויעוו און קאַמעניעוו, וואָס האָבן געשאַפן די „טראָיקע“ מיט סטאַלינען נאָך לענינס טויט — האָט סטאַלין געהאַט אַ לאַנגן חשבון. אַזוי, אַז פאַקטיש האָט זייער ייִדישע אָפּשטאַמונג נישט געהאַט קיין שייכות מיט די טויט־אורטיילן.

גלייכצייטיק באַטאָנט פּראָפ. עטינגער, אַז די יידן אין דעם צווייטן עשאַלאָן פון אַדמיניסטראַציע און פּאַרטיי האָבן אין דער זעלבער צייט נישט געפילט קיין שום אַנטיסעמיטישע סימפּטאָמען.

פאַקטיש זענען אין די דרייסיקער יאָרן נישט געקומען צום אויסדרוק קיין שום אַנטיסעמיטישע סימפּטאָמען און דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע איז אָנגעגאַנגען אין פולן שוווּנג, און די געמישטע חתונות האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרדעקן די ייִדישע אָפּשטאַמונג פון די קינדער און זיי זענען אין די פּאַספּאָרטן באַצייכנט געוואָרן אַלס רוסן.

די דייטשע אינוואַזיע (יוני 1941) האָט אַריינגעוואָרפן דאָס סאָוויעטישע יידנטום אין תהום פון דער שואה אָן שום וואָרענונג.

אין דעם פּעריאָד פון דער סטאַלין־היטלער קאָלאַבאָראַציע האָט די סאָוויעטישע פּרעסע פאַרשוויגן דעם גורל פון די יידן אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער.

די סאָוויעטישע יידן האָבן זיך נישט געריכט אויף דעם אומגליק. אין די אָקופּירטע געגנטן פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן צוזאַמען מיט דער דייטשער אַרמיי מאַרשירט די ספּעציעלע עקסטערמינאַציע אָפּטיילונגען. די אַרמיי האָט דעראָבערט די שטעט און די ספּעציעלע אָפּטיילונגען זענען גלייך צוגעטראָטן צום מאַסן־מאָרד אויפן אָרט אָן „צו שפּילן זיך“ אין אַ געטאָ אַלס די ערשטע שטופּע צו די גאַז־קאַמערן.

דעמאָלט האָט אויך געפּלאַצט די אילוזיע, אַז דער סאָציאַליזם האָט אָפּגעשאַפן דעם אַנטיסעמיטיזם און דורכגעדרונגען די נאַציאָנאַליטעטן פון ראַטנפאַרבאַנד מיט דעם גייסט פון קעגנזייטיקער פריינדשאַפט.

אין קיין שום לאַנד, אונטער דער אָקופּאַציע פון די נאַציס זענען נישט געווען אַזויפיל אָפענע קאָלאַבאָראַטאָרן מיט די נאַציס. די אוקראַינער (אויך ליטווינער), באַוואָפנט דורך די נאַציס האָבן צוזאַמען מיט די דייטשע עקסטערמינאַציע אָפּטיילונגען אויסגעפירט די שרעקלעכסטע שחיטות איבער יידן. ווייניקער יידן האָבן זיך געראַטעוועט אין די נאַצי־אָקופּירטע טעריטאָריעס פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ווי אין אַנדערע לענדער.

אין די טראַגישע יאָרן איז פאָרגעקומען דער איבערברוך אין דעם סאָוויעטישן יידנטום.

דער סאָוויעטישער רעזשים האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די ייִדישע טראַגעדיע צו געפינען שטיצע ביים אַמעריקאַנער יידנטום פאַר עפענען דעם צווייטן פראָנט. אַזוי איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער ייִדישער אַנטי פאַשיסטישער קאָמיטעט אין 1942.

פאַקטיש האָט די אידייע פון אַזאַ קאָמיטעט געשטאַמט פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. די צוויי געוועזענע פירער פון פוילישן „בונד“ האָבן פאָרגעשלאָגן דעם געדאַנק צו דער סאָוויעטישער רעגירונג. אָבער בלויז דער געדאַנק אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט דעם יידנטום אין דער מערב־וועלט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַזאַ חטא, אַ פאַראַט פאַר וועלכן די צוויי בונדישע פירער האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן סוף 1941.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווען די שלעכטע מיליטערישע לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך פאַרערגערט, איז דער געדאַנק פאַר דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט געכשרט געוואָרן.

שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צום יידנטום אין דער מערב וועלט, זיי האָבן אַרומגערייזט אין אמעריקע, קאַנאַדע און ענגלאַנד. געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאַרן צווייטן פראָנט און פאַר מאַטעריעלע הילף פאַר דער רויטער אַרמיי.

נאָך דער דייטשער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, ווען די רויטע אַרמיי האָט צוריק דעראָבערט די אָקופּירטע סאָוויעטישע טעריטאָריעס, איז געקומען דער טיפער שאָק פון רוסישן יידנטום. די אַקטיווע קאָלאַבאָראַציע פון זייערע סאָוויעטישע מיטבירגער אין די מאַסן־שחיטות. דער אָפענער אַנטיסעמיטיזם קעגן די אַנטרונענע יידן, וואָס האָבן געוואָלט צוריק אַריין אין זייערע דירות, האָט דערשיטערט די יידן. דער פּאָעט אַנטאָקאָלסקי (אַן אַסימילירטער ייד) האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ אין אַ פּאָעמע: „דער גאַנצער אוניווערס שרייט שמע ישראל“...

דער טראַגישער סוף פון די אָנפירער פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט איז באַקאַנט. זייער הויפּט חטא

געפֿאָדערט דאָס רעכט צו פֿאַרלאָזן סאָוויעט רוסלאַנד, געהערן דווקא צו דער קאַטעגאָריע פֿון גוט באַלוינטע פּראָפֿעסאָרן, טעכנאָקראַטן, פּראָפֿעסיאָנאַלן און בעל מלאכות. אפֿילו מיטגלידער פֿון דער העכסטער אַקאַדעמיע פֿון וויסנשאַפֿטן, וואָס זיי ווערט צוגעטיילט די גרעסטע כבודים און מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן, האָבן זיך געשטעלט אין דער רייע צו פֿאַרלאָזן סאָוויעט רוסלאַנד.

וואָס איז געשען? נאַציאָנאַלע אויפֿוואַכונג? אַזוי פּלוצים?

וואָס איז געשען מיט דער לאָזונג, אַז די איינציקע לייזונג פֿון ייִדישן פּראָבלעם, איז דורך סאָציאַליזם?

האָט דאָך אָטאָ העללער, דער עסטרייך־ייִדישער קאָמוניסט פֿאָראויסגעזען דעם אונטערגאַנג פֿון יודאַיזם, אין 1930, לויט אָטאָ העללער האָט דער ראַטנפֿאַרבאַנד דערמעגלעכט די ייִדן צו פֿאַרבינדן זייער גורל מיט דער לאַנדווירטשאַפֿט (אין ביראָבידזשאַן, אוקראַינע און אויף דעם קרימער האַלב־אינדזל), ווי אויך מיט די גרויסע „פֿיאַטילעטקעס" (פֿינף יאָר פּלענער) פֿון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע גליקלעכע ווענדונג, האָט ער באַהויפּטעט, באַפֿרייט די סאָוויעטישע ייִדן פֿון דער דעגראַדאַציע פֿונעם עבר, פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דעם לעבנס־שטייגער פֿון דעם ייִד, אַלס מעקלער און מיטלמאַן.

אין געוויסע קרייזן ווערט די פּלוצימדיקע אויפֿוואַכונג פֿון רוסישן ייִדנטום באַצייכנט אַלס אַ „נס", אַזוי ווי עס ווערט אָפּטמאָל באַצייכנט אַלס אַ נס — אַ דערשיינונג וואָס איז נישט בדרך הטבע.

די באַצייכנונג פֿונעם נאַציאָנאַלן אויפֿלעבן פֿון רוסישן ייִדנטום אַלס אַ „נס" איז נישט טרעפֿלעך, נישט פּאַסיק און שטאַמט פֿון אַ „בלויז" אין דער מאָדערנער ייִדישער געשיכטע.

דאָס קאַפּיטל: געשיכטע פֿון רוסישן ייִדנטום, די געשעענישן, די ייִדישע אַקטיוויטעטן אויף אַלע געביטן, די באַציאונגען פֿון סאָוויעטישן רעזשים צו די ייִדן און זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס — דאָס אַלץ איז נאָך נישט אַלזייטיק צונויפֿגעשטעלט און אָפּגעשאַצט געוואָרן.

דער בלויז אין דער מאָדערנער ייִדישער געשיכטע ווערט לאַנגזאַם אויסגעפֿילט, אַ דאַנק די פֿאָרשונגען פֿון שמואל עטינגער, פּראָפֿעסאָר פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט („דאָס נאַציאָנאַלע אויפֿלעבן פֿון סאָוויעטישן ייִדנטום") און פֿון וויליאַם קאָרעי, דירעקטאָר פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרשונגס־אינסטיטוט ביים בני ברית. אין אַ רייע ביכער און אָפּהאַנדלונגען („דהי סאָוויעט קעידזש", „אַנטיסעמיטיזם אין ראַשיאַ", „די צוקונפֿט פֿון סאָוויעטישן ייִדנטום", „עמיגראַציע און אַסימילאַציע").

אין גאַנצן פֿאַרהוילט איז געווען דער פּעריאָד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צום סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן, נאָכדעם ווי סאָוויעט־רוסלאַנד האָט פֿאַרבאָטן די טעטיקייטן פֿון די ייִדישע פֿילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס („דזשאָינט", „אַגראָ־דזשאָינט", „איקאָ" און „אָרט").

אין דער ערשטער דעקאַדע פֿונעם סאָוויעטישן רעזשים האָבן די דאָזיקע פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס געהאָלפֿן אין דער פּלאַנירטער איבערשיכטונג פֿון די רוסישע ייִדן צו דעם „פּראָדוקטיוון" לעבנסשטייגער אין דער לאַנדווירטשאַפֿט.

איצט ווייסן מיר שוין, אַז ביים סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן איז די „איבערשיכטונג" געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג. ייִדן פֿון די דערפֿער און שטעטלעך האָט צוגעצויגן די גרויסע שטעט און די אוניווערסיטעטן.

די געפּלאַנטע איבערשיכטונג פֿון די ייִדישע מאַסן אין שטעט און שטעטלעך, פֿון דעם „דעגראַדירנדיקן" מיטלשטאַנד פֿון האַנדל און מעקלעריי צו דעם „פּראָדוקטיוון" פּויערים־שטאַנד אין דערפֿער און קאָלכאָזן, איז דורכגעפֿאַלן. די איבערשיכטונג איז געגאַנגען אין אַ גאָר אַנדערע ריכטונג.

שוין אין מיטן פֿון דער צווייטער דעקאַדע פֿונעם סאָוויעטישן רעזשים, האָבן צענער טויזנטער ייִדן — גראַדואירטע פֿון די אוניווערסיטעטן — געשאַפֿן אַ נייעם שיכט פֿון סאָוויעטישע עקספּערטן און אַקאַדעמיקער אויף אַלע געביטן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט געהאַט די ברכה פֿונעם רעזשים, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו דער אַלטער אינטעליגענץ וואָס זי האָט געירשנט פֿונעם צאַרישן פּעריאָד.

דווקא אַזאַ אַנטוויקלונג איז געווען פֿאָראויסצוזען און פֿאַרשטענדלעך, ווייל דער דראַנג פֿאַר הויך־בילדונג ליגט אין דער נאַטור פֿון די ייִדן, וואָס זענען כסדר געווען דאָס פֿאָלק „פֿון בוך".

די מעגלעכקייט צו געניסן פֿון הויכע סעקולערע בילדונג, וואָס דער סאָוויעטישער רעזשים האָט געגעבן אַלע אירע בירגער, איז נאַטירלעך אויסגענוצט געוואָרן פֿון די ייִדישע מאַסן. אַזוי איז אַנטשטאַנען אין אַ גאָר קורצער צייט אַ נייער שיכט פֿון ייִדישער אינטעליגענץ און טעכנאָקראַטן, וואָס איז געוואָרן דער נייער לעבנסשטייגער פֿון רוסישן ייִדנטום.

אין די ניי געשאַפֿענע אומשטענדן איז דאָס סאָוועטישע ייִדנטום, מיטן אויסנאַם פֿון רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן און ייִדישע קולטור אַקטיוויסטן, באַרייט געווען מקריב צו זיין אַ יעדן שפּור פֿון ייִדישער טראַדיציע און אפֿילו אָפּווישן אַ יעדן צייכן פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, כדי זיך איינצוגלידערן אין דער פּריווילעגירטער סאָוויעטישער געזעלשאַפֿט פֿון אינטעליגענץ און טעכנאָקראַטן.

אין דער זעלבער צייט, האָבן ייִדישע שרייבער, דיכטער, אַקטיאָרן זיך אויסגעדריקט און געשאַפֿן אין דער ייִדישער שפּראַך, אָבער דער קרייז פֿון קאָנסומענטן פֿון דער ייִדישער קולטור האָט זיך אין די ניי געשאַפֿענע באַדינגונגען פֿאַרקלענערט פֿון יאָר צו יאָר.

גלייכצייטיק האָט דער סאָוויעטישער רעזשים אַקטיוו דערמוטיקט די פֿולע אַסימילאַציע פֿון די ייִדן. ייִדישע שולן זענען געשלאָסן געוואָרן. ספּעציפֿיש ייִדישע אַקטיוויטעטן זענען געוואָרן פֿאַרבאָטן און אַ יעדע אָרט פֿאַרבינדונג מיט דעם וועלט ייִדנטום איז געוואָרן איבערגעריסן.

אויב מען זוכט אַ היסטאָרישן פּאַראַלעל, קאָן מען זאָגן,

# ד״ר מ. פערשטענדיק — דער הינטערגרונט פון א „נס״

**(אַרום דער דערוואַכונג פונעם סאָוויעטישן יידנטום)**

דער דראַנג פון רוסישן יידנטום צו פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד איז נישט קיין נייעס. די דיסקוסיע קאָנצענטרירט זיך אַרום דער פראַגע: פאַרוואָס נאָר אַ טייל פון די רוסישע יידן באַזעצן זיך אין מדינת ישראל, בעת אַ גרויסער טייל שטרעבט צו באַזעצן זיך אין די תפוצות? אַ באַגרינדעטע דיסקוסיע. ווייל דער ראַטנפאַרבאַנד דערלויבט די יידן ארויסצופאָרן נאָר אויף דעם סמך פון אַ וויזע קיין ישראל.

פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט איז אָבער וויכטיק גאָר אַן אַנדער פראַגע. וואָס האָט גורם געווען דעם אומדערוואַרטן דראַנג פון די סאָוויעטישע יידן צו פאַרלאָזן זייער היימלאַנד?

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן באַהויפּטן, אַז דאָס איז בכלל נישט קיין פראַגע, ווייל כמעט אַלע בירגער פון סאָוויעטישן „גן עדן״ וואָלטן גערן פאַרלאָזן זייער היימלאַנד. וואָלט די גרענעצן געווען אָפן, וואָלט דער ראַטנפאַרבאַנד געוואָרן אַ לאַנד אָן איינוווינער...

פראָפ. בראַנאָווער, אַן עולה פון רוסלאַנד און אַ מומחה אין די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין ראַטנפאַבאַנד, האָט בעת זיין באַזוך אין מעלבורן געגעבן אַ קלאָרן ענטפער אין דעם ענין. ער האָט דערקלערט, אַז עס איז בכלל נישט קיין ספק, אַז ווען די סאָוויעטישע גרענעצן וואָלטן געווען אָפן, וואָלט אַ גאָר קליינע צאָל יחידים געוויס עמיגרירט, אָבער די באַפעלקערונג וואָלט זיך נישט גערירט פון אָרט. גלייכצייטיק האָט ער באַטאָנט, אַז עקאָנאָמיש איז די לאַגע פון דעם סאָוויעטישן בירגער פאַרהעלטנישמעסיק נישט שלעכט, כאָטש דער אַלגעמיינער לעבנס־שטייגער איז נידריקער, ווי אין דער מערב וועלט.

פאַר וואָס זשע דען ווילן די יידישע בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד אַנטלויפן פון זייער היימלאַנד, העכער זעכציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע? זיי וויסן דאָך, אַז בלויז דאָס אריינטראָגן אַ ביטע פאַר באַווייליקונג ארויסצופאָרן איז ממש מסירת נפש. דער אַפּליקאַנט פאַרלירט באַלד זיין פּאָסטן און פרנסה א.א.וו.

ספּעציעל איז די דאָזיקע פראַגע אינטערעסאַנט, ווייל די סאָוויעטישע יידן וואָס האָבן אין הונדערטער טויזנטער

## די מאָראַלישע פאַרפליכטונג...

די באַציִונג־אַנטיסעמיטיזם, ווי אַן אויסדרוק פון אַנטי־יידישע געפילן, איז אַריין אין דער מאָדערנער לעקסיק, ערשט אין יאָר 1879. יידן־האַס, און אַלע קאָנסעקווענצן פון דעם דאָזיקן האַס־באַגלייטן דאָס יידישע פאָלק, זינט די געשיכטע געדענקט.

כדי צו פאַרשפרייטן די געפילן פון אַנטיסעמיטיזם, און אַזוי אַרום באַגרענעצן יידן אין זייערע רעכט, דערהאַלבן זינט דער עמאַנציפּאַציע אַ דאַנק דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן זיך געשאַפן אָרגאַניזירטע פאַרטייען אין דייטשלאַנד און עסטרייך, אין מיטן פון 19 י״ה.

זינט יענער צייט האָט נישט נאָר די וועלט אָנגענומען אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, אויך דער אַנטיסעמיטיזם האָט געענדערט זיין געשטאַלט — הגם נישט זיינע צילן

אַנטיסעמיטיזם אין אונדזער צייט קאָן מען פאַרגלייכן צו אַ מין באַציל, וואָס — ווי נאָר ער געפינט אַ פאַסיקע קולטור פאַר זיין אַנטוויקלונג — מעג עס זיין דער מענטשלעכער קערפּער, אָדער אַ בעל־חי, אָדער גאָר אַ קלעפּיקער זומפּ, אַבי עס פאַרמאָגט די עלעמענטן — וואַקסט דער באַציל.

דער אַנטיסעמיטיזם דאַרף נישט מער קיין אייגענע פאַרטיי, צו דערגרייכן זיינע צילן. עס איז דאָ פאַר אים אַ גיסטיקער קלימאַט, און די פאַסיקע באַדינגונגען סיי אין רעכטן לאַגער און סיי אין לינקן לאַגער. אַן אַטמאָספער אין וועלכער ער קאָן זיך אַנטוויקלען. עס אַרט נישט דעם אַנטיסעמיטיזם, ווער ס׳פאַרביטערט דאָס לעבן פון יידן — אַ פאַשיסטישער רעזשים, אָדער אַ קאָמוניסטישער. פאַרן אַנטיסעמיטיזם איז בלויז וויכטיק אַז עמעצער זאָל זיינע אידייען פון יידן האַס פאַרוואַנדלען אין מעשים.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויך געפונען אַנדערע אויסדרוקס־מיטלען, „קולטורעלע״ — וואָס אויבנאויפיק האָבן זיי בכלל מיט יידן קיין שייכות נישט; פאַרקערט — זיי קלינגען הומאַניטאַר און וווילטעטיק.

אַלס קלאַסישער ביישפיל קאָן דינען די דערקלערונג פון דייטשן קאַנצלער העלמוט שמידט:

„מיר האָבן אַ מאָראַלישע פאַרפליכטונג פאַר די פּאַלעסטינער״. די געשיכטע ווייס נישט צו דערציילן, וווּ און ווען דאָס דייטשע פאָלק האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות צום פּאַלעסטינער פאָלק, אַז פון דעם זאָל אַרויסדרינגען די „מאָראַלישע פאַרפליכטונג״.

וואָלט עס געזאָגט אַן ענגלישער מלוכה־מאַן, וואָלט עס נאָך אפשר געהאַט אַ געוויסע באַרעכטיקונג, צוליב דעם אָרט און די פּאָליטיק פון ענגלאַנד אין מיטעלן מזרח. אָבער דייטשלאַנד?

דאָס איז די טרויעריקע איראָניע פון אונדזער צייט: כען קאָן זיין אַ קיטשקאָ־קאָמוניסט און טראַכטן ווי שמידט — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אויב אין קאָן שטייט דער גורל פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער מדינה.

אַפילו אַ קינד אין וויג קאָן פאַרשטיין דעם טייטש הערפון: באַפרידיקן די „מאָראַלישע פאַרפליכטונג״ קאָן מען נאָר אויפן חשבון פון מדינת ישראל.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

## ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

"KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia. :אַדרעס פון רעדאַקציע

יוני־יולי 1981 נומער 3 (27) מעלבורן, אויסטראַליע

# 70 יאָר „קדימה"

די איינגאַרטיקייט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און קולטור־צענטער „קדימה" באַשטייט אין דעם, וואָס נישט געקוקט אויף די אינערלעכע פּאָליטישע קאַמפּן אין משך פון אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ — טייל מאָל אַפילו גאָר שאַרפע, איז זי געבליבן אַן אומפּאַרטייאישע, נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, מיט טאָלעראַנץ פאַר די איבערצייגונגען פון אירע מיטגלידער.

אין איר וווּקס און אַנטוויקלונג איז די „קדימה" נישט נאָר איבערגעשטיגן די אַנגעמערקטע צילן פון אירע גרינדער, נאָר אַפילו די גרענעצן פון זייער פאַנטאַזיע.

כאָטש די „קדימה"־טעטיקייט האָט שוין אָנגענומען טראַדיציאָנעלע פאָרמען, דאָך איז איר טעטיקייט נישט געבליבן פאַרגליווערט אין דעם איינגעשטעלטן נוסח, נאָר די טויער אירע פאַרמעסטן זיך אויסצוברייטערן די ראַמען, כדי אַריינצוציען אין דער יידישער קולטור־טעטיקייט אַ וואָס גרעסערע פּעריפעריע; אַריינברענגען אין „קדימה" דעם אָפּגעפרעמדטן עלעמענט און אַפילו דעם הי־געבוירענעם ענגליש־רעדנדיקן ייד.

אין די לעצטע 70 יאָר איז אין דער יידישער געשיכטע פאָרגעקומען אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן געענדערט די יידישע געאָגראַפיע, איבערגעאַנדערשט דעם יידישן לעבנס־שטייגער און איבערגעשאַצט ווערטן און באַגריפן, וואָס זענען אין מזרח־אייראָפּע געווען דער באַזיס פון וועלטלעכן גלויבן. די „קדימה" אָבער איז געבליבן פאַרפעסטיקט אין אירע גייסטיקע פונדאַמענטן; אין איר באַוווּסטזיין אויפצוהאַלטן די מזרח־אייראָפּעאישע קולטור־טראַדיציעס.

70 יאָר עקזיסטענץ איז אַ יום־טובדיקע דאַטע, וואָס גיט די „קדימה"־טוער — אין זייער צוריקבליק — אַ באַפרידיקונג פון זען דעם וווּקס און אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע; זען דעם וווּקס אַ דאַנק זייער מי און אָנשטרענגונג, זייער ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט.

טראָץ אַלע דערגרייכונגען און דערפאָלגן — קאָן מען נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס באַזירט איר טעטיקייט אויף דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור, האָט זיך נישט אַנטוויקלט אין פאַרנעם, אין וועלכן מיר האָבן עס דערוואַרט. מיר האָבן נישט אַריינגעקראָגן קיין נייע קאַדרן, אויף וועלכע מיר זאָלן קענען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז זיי וועלן קאָנטינואירן, אַז זיי וועלן קענען ממשיך זיין די יידישע קולטור־ווערטן פון אונדזער גייסטיקן באַגאַזש.

דער אויפלעב פון יידיש ווי אַ שפּראַך, איז ענג פאַרבונדן מיט אונדזערע צילן און שטרעבונגען. די פאַראינטערעסירונג מיט יידיש אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן; דער געלונגענער און איינדרוקספולער צוזאַמענפאָר לטובת יידיש און יידישע קולטור אין ירושלים; דאָס אַנטשטיין פון אַ דערפאָלגרייכער יידישער טאָג־שול אין מעלבורן, וואָס איז שוין היינט אין זעקסטן לעבנס־יאָר; די צוויי יידישע זונטיק־שולן — דאָס אַלץ האָט געדאַרפט און געקאָנט ווערן אונדזערע גייסטיקע קוואַלן, פון וועלכע מיר זאָלן קענען שעפּן אין דער צוקונפט, ווען די אַלטע טוער פון מזרח־אייראָפּעאישן שניט וועלן מיד ווערן און וועלן אָפּשטיין.

נישט געקוקט אויף די ביז איצט דערגרייכטע רעזולטאַטן, עקבערט ערגעץ זוז די זאָרג: ווער וועלן זיין די, וואָס וועלן אין די קומענדיקע יאָרן אויסטראָגן די לאַסט פון דער „קדימה"־טעטיקייט ? וועלן זיי האָבן גענוג יידישן קולטור־באַגאַזש און יידישער עקשנות עס זאָלן זיי נישט אָפּשרעקן די שוועריקייטן, די אַרומיקע אַטמאָספער וואָס איז ווייט נישט קיין דערמוטערנדיקע — צו טראָגן די לאַסט פון דער גייסטיקער ירושה?

געוויס איז נייטיק אַמביציע צו קאָנען קאָנטינואירן, עס איז אָבער אויך נייטיק צו האָבן דעם באַוווּסטזיין פון דעם — וואָס מען וויל דערגרייכן.

די יום־טובדיקע טעג פון אונדזערע פייערונגען — וועלכע מיר האָבן פּראָקלאַמירט אויף אַ יאָר צייט, דאַרפן אינספּירירן אונדזערע טוער. מיר מוזן האָבן פאַר זיך די פּערספּעקטיוו פון דעם, וואָס די „קדימה" דאַרף זיין אין דער צוקונפט, באַזירט אויף די דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

עס איז נייטיק אונטערצושטרייכן:

עס איז אונדזער אַלעמענס יום טוב — וואָס איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט פון די טוער און אַקטיווער באַטייליקונג פון יידיש־רעדנדיקן ישוב.

מיר קאָנען שטאָלץ זיין מיט דעם, וואָס די „קדימה" שטעלט מיט זיך היינט פאָר — אַ פאָלקס־אינסטיטוציע, וואָס איז אונדזער קולטור־היים.

# אינהאלט:


מ. א. — 70 יאָר „קדימה”; די מאָראַלישע פאַרפליכטונג . . . . 1

דר. מ. פערשטענדיק — דער הינטערגרונט פון אַ „נס” . . . . . . . . 2

מאַרק ב. — די עראָפּלאַנען „ב־52” און מיר . . . . . . . . . 6

ב. צ. פּאַטקין — זכרונות . . . . . . . . . . . . . . . 7

מ. אייזענבוד — די „קדימה”, און דאָס געדרוקטע וואָרט . . . . . . . 10

י. אָרבאַך — אַלטע פּראָבלעמען און נייע וועגן (דיסקוסיע) . . . . 12

י. מ. לעווין — ליטעראַטור, קונסט, יחיד און געזעלשאַפט . . . . . 13

י. ראָזענבערג — דריי לידער . . . . . . . . . . . . . . 15

ל. ש. — שפּריכווערטער און אַפאָריזמען . . . . . . . . . . 16

ב. וואַרשאַווסקי — די שוואַרצע אויסטראַליער . . . . . . . . . . 18

וו. יאַבלאָנסקי — „די שוואַרצע קאַפּעליע” . . . . . . . . . . 20

ש. בענעט — דער יידישער „בושרענדזשער” עדוואַרד דייווים . . . 23

מאיר זייבל — אַ גוט מאָרגן דיר, טאָג: — (ליד) . . . . . . . . 23

אונדזער גאַסט — פּראָפ. אַרענשטיין . . . . . . . . . 25

אַ בריוו צום פּר’ סענדער בורשטין . . . . . . . . . 25

באַגריסונגען . . . . . . . . . . . . . . . 26

אין אונדזער סביבה . . . . . . . . . . . . 28

„קדימה”־קאָמיטעט (בילד) . . . . . . . . . . . . 30


דאָס בילד אויף דער הילע איז אַ רעפּראָדוקציע פון ערשטן יידישן בוך דערשינען אין אויסטראַליע.

פאָטאָ: בעני שטיפל

פּרייז 1 דאָלאַר

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אויסטראליש יידישער אלמאנאך



מעלבורן    נר. 3 [27]    יוני–יולי 1981